**Speaker 2:** איינער וויל זאגן אז ס'איז דא א מדת חסידות אז מ'זאל נישט מהרהר זיין, מ'זאל נישט טראכטן, אבער וואס ס'שטייט... כאילו, ער קומט ממעט זיין חסידות. ס'מיינט נישט אויף מחשבות, ס'מיינט אויף למעשה. יא. יא, ס'קען זיין, אבער ס'איז אביסל פאני פארוואס ער לייגט עס דא אריין.

אבער ער מיינט צו זאגן, מ'לערנט פון דעם אויף די היתר, אז מ'זאגט דווקא דיבור, נישט הרהור. איך מיין וואס ער מיינט צו זאגן איז אז די מינימום עשיה פון שבת איז דיבור. ס'שטייט, ער גייט שוין זאגן, גיין ביי די גרעניץ פון די פלעצער צו באטראכטן די נכסים איז מער עשיה. די קלענסטע מין עשיה פון שבת איז דיבור. איינער וואלט איינגעפאלן אז מ'טאר אפילו נישט טראכטן, אבער דאס איז שוין מער וויפיל מ'האט געֿאסר'ט. די געֿאסר'טע זאכן זענען אבער ביז נאך דיבור, גיין און קומען און דיבור.

יעצט האלטן מיר ביים ברענגען די פסוק. ס'שטייט אין די פסוק, ס'שטייט נישט "וחשוב חפציך", ס'שטייט **"ודבר דבר"**. איז שוין.

איז יעצט גייט דער רמב"ם זאגן וויטער וואס נאך מ'טאר נישט. איך מיין אז ס'איז מער מיט די ווערטער פון **"תשבות רגליך"**, נישט גיין מיט די פיס, אדער **"עשות דרכיך"**, נישט טון פעולות וואס איז ענינים פון חול. סאו לכאורה, קודם האט מען געלערנט די מקור, אויך די מקור און אויך די אידיע, און יעצט גייט מען אריין פראקטיש. אז דאס האט געזאגט **"אסור להלך בחפציו"**, אבער דאס איז געווען בעצם די פירוש הפסוק און נישט קיין הלכה. וואס מיינט "להלך בחפציו"? ער ווייסט נאך נישט גארנישט. ער גייט אונז זאגן פארשידענע דוגמאות פון דעם.

**דיסקוסיע: דער סטאטוס פון דעם פסוק — דאורייתא אדער דרבנן?**

**Speaker 1:** מ'דארף דערמאנען, האסטו גערעדט וועגן דעם נעכטן, אז ס'איז דא א פסוק, אויב אזוי איז לכאורה א דאורייתא. אבער דער רמב"ם האלט אז אפילו נביאים וכתובים איז בעצם דרבנן. ס'קען זיין אז ס'איז א תקנה פון ישעיה הנביא, ס'איז נישט קיין חילוק. פסוק מדברי נביא, דברי קבלה, איז דער רמב"ם, איך מיין לויט רוב, כמעט אייביג איז א פסוק מדברי קבלה דרבנן, יא? אויסער אמאל אמאל איז דא ראשונים וואס לערנען אנדערש. ס'איז דא פלעצער וואס מען טרעפט אז ס'איז מער חמור ווייל ס'שטייט אין די נביאים, אבער ביי די רמב"ם האלט ער זיכער זייער עקסטרעם אז א נביא קען נישט אפילו מכריע זיין א הלכה קען מען נישט פון די נביא. איך מיין דער רמב"ם זאגט דאס גאנץ קלאר אין זיין לשון, ווייל ער זאגט נשבעתי

**איסור "עשות חפציך" בשבת — מקור, פשט, והלכות מעשיות**

**הלכה א (המשך) — מקור האיסור: דאורייתא אדער דרבנן?**

**Speaker 1:**

נישט ארויסגיין מיט די פוס, אדער "עשות דרכיך", נישט טון פעולות וואס איז ענינים פון חול אין יום טוב.

זאל איך דיר זאגן, קודם וועל איך ליינען די מקור, אזוויוי די מקור נאך די אידיע, און יעצט וועל איך געבן דעם רמב"ם פראקטיש. אז דאס וואס דו האסט געזאגט **"אסור לילך בחפציו"** איז געבויט אויף די פירוש הפסוק, וואס מיינט "לילך בחפציו"? מיר ווייסן נאך נישט גענוי וואס דאס מיינט. מיר וועלן זען פארשידענע דינים וואס קומען פון דעם.

אבער איך האב דיר געמיינט צו זאגן, אז דאס וואס מיר האבן גערעדט פון נעכטן, אז דאס איז א פסוק, אבער דאס איז לכאורה א דרבנן. אבער דער רמב"ם האלט אז אפילו נביאים וכתובים איז וויסן דרבנן, ס'קען זיין אז ס'איז א תקנה פון ישעיה הנביא, ס'איז נישט קיין חילוק. פסוק מדברי נביאים, דברי קבלה, איז לויט'ן רמב"ם, איך מיין לויט רוב, כמעט אייביג איז א פסוק מדברי קבלה דרבנן, יא? אויסער אמאל אמאל איז דא ראשונים וואס לערנען אנדערש. ס'איז דא פלעצער וואס מען טרעפט אז ס'איז מער חמור ווייל ס'שטייט אין די נביאים. אבער ביי די רמב"ם האלט ער זיכער זייער עקסטרעם, אז א נביא קען נישט אפילו מחדש זיין א הלכה, קומט נישט פון די נביא.

איך מיין דער רמב"ם זאגט עס גאנץ קלאר אין זיין לשון, ווייל ער זאגט **"נאסרו"**. "נאסרו" מיינט ער, ווען ער זאגט "נאסרו" נאכדעם שטייט וואס מיינט ער, די רבנן האבן עס געֿאסר'ט. פארוואס האבן די רבנן עס געֿאסר'ט? ווייל זיי האבן געטראפן א פסוק. ס'איז אן איסור דרבנן.

מ'קען אפילו זאגן מער ווי דעם. "נאסרו" — די רבנן, איינער פון די רבנן האט געהייסן ישעיה הנביא, און ער האט עס געֿאסר'ט. דא שטייט אז ער האט עס געֿאסר'ט.

## Speaker 2:

ניין, ס'זעט אויס ווי שפעטער **"נאסרו משום שנאמר"**, איינער פון די חכמים האט געזען די פסוק אין ישעיה, אבער די פסוק שטייט אז ישעיה האט נישט געזאגט באפן איסור. ישעיה האט אויך נישט געזאגט באפן איסור, יא, שפעטער זאגט ער א ברכה אויף דעם, ער זאגט נישט א לשון איסור. די חכמים האבן געמאכט א לשון איסור. ישעיה זאגט אויך נישט "לא תעשה", אפילו ביי מוקצה.

## Speaker 1:

"ומנין שנאסרו"? דאס מיינט אזוויוי זיי האבן געזען אין די פסוק אז דאס איז וויאזוי שבת דארף אויסקוקן, אבער אפשר נישט בתורת איסור. ישעיה הנביא האט סך הכל געזאגט א איסור. ישעיה, א חלק פון זיינע דברי נבואה דארטן רעדט ער וועגן קדושת השבת.

קען זיין, איך זאג נאר, די חכמים שפעטער האבן עס געֿאסר'ט בייסט אויף די פסוק. אדער קען זיין אז ישעיה איז די חכם וואס האט עס געֿאסר'ט. אדער ס'קען זיין א דריטע זאך אינצווישן, אז כולי ישעיה געט ער די אידיע אז ס'דארף זיין אין שבת "ממצוא חפצך", דאך איז דא זאכן וואס זענען אסור, וואס זענען ווי א גדר פאר דעם. אדער אז ס'איז געווען א תקנה based אויף דעם שפעטער. ס'איז זיכער דא זאכן וואס ישעיה האט נישט אלעס גערעדט, אבער...

ס'קען אויך זיין אז ישעיה האט געזאגט מער גענעראל ווערטער. למשל, **"להלוך בחפציך"** מיינט ער "לעסוק בחפציך". שפעטער האבן חז"ל מסביר געווען מער וואס דאס מיינט. **"ודבר דבר"** מיינט עקטשועלי רעדן, **"שבת רגלך"** מיינט גיין צו קוקן אויף די ביזנעס. ס'איז ממש אריינגעטייטשט.

ווען דער פסוק גייט ליינען, וועט ער זען אז ס'איז א לשון פון פסוק וואס זאגט אז מ'טאר נישט גיין אין שבת. ס'מיינט נישט וואקן, ס'מיינט גיין עוסק זיין אין מיין ביזנעס.

## Speaker 2:

יא, אבער איך מיין אויך, אזוי לאנג ווי ער זאגט **"אסור לאדם להלוך בחפציו בשבת"**, האט ער נאך נישט אנגעהויבן זאגן די איסור פון גיין. "להלוך בחפציו בשבת" איז ממש די זעלבע לשון ווי "לעסוק בחפציו בשבת". יעצט גייט ער זאגן וואס דער "להלוך" מיינט, ווייל דער "להלוך" דא מיינט נאך נישט וואקן, ס'מיינט עוסק זיין. אזוי ווי "ללכת בדרך טובה" מיינט נישט וואקן, ס'מיינט עוסק זיין אין עפעס.

## Speaker 1:

גראדע, ס'איז זיכער אז ס'איז דא פסקי קבלה אין אונז צו שפאצירן אויף די וועגן ווי די טובים זענען געגאנגען, ווייסטו? "והדרת פני זקן", "והלכת בדרכיו", דאס איז א זאך. אבער יא, טאקע, ס'איז א משל, יא, אדער וויניגער ווי א משל, מ'רופט עס א דימוי, רייט? אן אימעדזש, א סימילע. יא.

**הלכה א (המשך) — "אסור לאדם לפקוד גינותיו ושדותיו בשבת"**

## Speaker 1:

שוין, וואס איז די איסור פון גיין עוסק זיין אין זיינע חפצים בשבת? **"אסור לאדם לפקוד"**. "לפקוד" מיינט וויזיטן. וויזיטן מיינט פון צייט צו צייט. נו, א פקידה, נו, פוקד זיין חפציו. "לפקוד", "פקידה לפקידה", יא. די ציטווייליגע זאך. א מענטש וואס האט א ביזנעס, האט א פעלד, פון צייט צו צייט גייט ער וויזיטן.

ס'איז א צייט צו צייט, קען זיין באופן קבוע, אבער פקידה איז דאך טשעקן, רייט? אבער טשעקן אין א געוויסע צייט. אויב איינער קוקט א גאנצע צייט אויף עפעס, איז ער נישט פוקד. פוקד מיינט ווען ער געדענקט אז ער דארף once in a while, מינימום איינמאל א יאר, מאקסימום, ער מוז גיין פוקד

זיין. ס'שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, "יפקוד את כל אדם", "יפקוד ה'". דער אייבערשטער איז דאך א טשעקער מענטש. אה, ווייסטו וואס, חייב מיתה. ניין, אויך ראשונים, "יפקוד", יא. שטייט "לפקוד". "יפקוד כל בשר", "אם כפקודת כל בשר", יא. דאס האבן מיר יעצט גערעדט ביי ברכות. פקידה איז א לשון זכירה, אזויווי "פקד יפקוד אתכם", זכרונות. און דא איז אויך די לשון, ס'מיינט אויסטשעקן, אזויווי דו זאגסט, ס'איז משמע פון דעם אז פריער האסטו נישט, אבער פשטות ס'מיינט נישט וויזיטן עקזעקטלי, ס'מיינט מער אזויווי טשעקן. "צו טשעקן" אויף ענגליש איז א גוטע ווארט פאר מיר.

**"אסור לאדם לפקוד גינותיו ושדותיו בשבת"**, גיין אויסטשעקן, אבער נישט באשפאצירן זיך אומקוקן ווי שיין ס'איז. גיין אזויווי אן אינספעקטאר גייט אראפ אינספעקטן א פלאץ בשבת. "אינספעקטן" איז אפשר א גוטע ווארט, אקעי. **"כדי לראות מה הן צריכין או היאך הן פירותיהן"**, צו טשעקן וואס דער פעלד דארף אדער וויאזוי די פירות זענען געלונגען. **"שהרי זה מהלך לעשות חפציו"**, דאס איז ליטעראלי די טייטש פון די ווארט, דאס איז מהלך, ער גייט לעשות חפציו, צו טון, צו וויסן וויאזוי זיינע חפצים זענען, צו וויסן וואס ער האט צו טון.

און לכאורה, סתם צו טון וואלט דאך געווען א נישט אויסגעהאלטענע זאך. איינער וואס איז מעיין אין שבת, מעג מען סתם אזוי... איינער מאכט א גרויסע סעודה שבת, מעג ער גיין זיך אומקוקן אין די קיטשן? ס'מיינט לעשות זאכן וואס מ'טוט עס.

### מעשה פון חסיד אחד

## Speaker 1:

ס'איז אינטערעסאנט, ער ברענגט דא אויף די זייט א מעשה, ס'שטייט אין ירושלמי און אין בבלי, אז ס'איז געווען א חסיד אחד וואס איז געגאנגען שפאצירן שבת אין זיין כרם, און ער האט געזען עפעס א גדר פון די כרם, א פארט פון די געיט. א כרם האט א גדר, יא? ס'שטייט אין ישעיה אויך. ער האט געזען א געיט וואס מ'דארף עס פיקסן, האט ער געטראכט, "אקעי, מוצאי שבת וועל איך עס פיקסן." האט ער זיך געכאפט, "אוי, איך האב געטראכט שבת צו פיקסן, איך גיי עס קיינמאל נישט פיקסן." דאס איז שוין א מדת חסידות, ס'איז נישט קיין איסור אויף אזא זאך.

## Speaker 2:

ניין, ער האט נישט געמיינט פון יעצט צו טון, ער האט געוואלט מיט דעם מאכן בעקווארדס אז ס'איז קיינמאל נישט געווען קיין עבירה. די עבירה האט דיך נאר אוועקגענומען דאס צו פיקסן, אזוי האט ער למפרע נישט געהאט קיין עבירה. איך האב געמיינט אז ס'איז ווי א קנס, אזויווי איינער טוט א מלאכה בשבת טאר ער נישט הנאה האבן.

## Speaker 1:

און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, ס'איז געקומען עפעס א שיקמא, עפעס א סארט פלאנט, און געוואקסן דארט פונקט און געמאכט די געיט, און פון דעם האט ער נאך געהאט פרנסה א גאנץ לעבן פון דעם. ווייל ער האט זיך מסתבר געווען אויף דעות, אבער דעות איז שוין נישט להלכה, אבער פון דארט זעט מען אז ס'איז דא אן איסור צו גיין טשעקן די כרם אום שבת וואס ער דארף, וכדומה.

### הלכה ב — מחשיך על התחום

## Speaker 1:

רייט. **וכן אסור לאדם שיוציא בשבת עד סוף התחום**. א מענטש טאר נישט גיין שבת ביז... דא רעדט מען ער גייט נישט צו זיין פעלד, סתם, ער האט עפעס וואו ער דארף גיין מוצאי שבת, פארן ערגעץ, אויסגעבן עפעס, גייט ער שוין אום שבת וויפיל ער מעג. דאס הייסט, אום שבת טאר מען נישט ארויסגיין פון די תחום, אבער אין די תחום וויל ער גיין די מעקסימום וואס ער קען, **ויעמוד שם עד שתחשך**, און דארטן צוווארטן, **כדי שיהא קרוב לעשות חפציו במוצאי שבת**, ס'זאל זיין נאנט צו טון וואס ער האט צו טון מוצאי שבת. **והוואיל שהרי נמצא הולך בשבת לעשות חפציו**, ווייל ער גייט כדי צו קענען טון חפציו, ער גייט כדי צו קענען טון וואס ער האט צו טון.

### הכלל: במה דברים אמורים

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם זייער א כלל, **דברים במדבר אמורים**, יא, **במדבר אמורים, בשמחשיך על התחום**, ווען דאס איז נאר ווען ער איז געגאנגען, דאס ווערט איינגעריפן מחשיך על התחום, ער איז געגאנגען פאר ס'ווערט נאכט, דאס הייסט ער איז געגאנגען צוזאמען, ער האט געווארט צוזאמען מיט די זון, די זון גייט אוועק, ס'ווערט טונקל, ער האט מיטגעווארט, ער איז געגאנגען דארטן וואו ס'ווערט טונקל ביז די תחום שבת, **לעשות דבר שאסור לעשותו בשבת**, ווייל דעמאלטס האט ער זיך אנגעגרייט פאר עפעס וואס איז אסור. **אבל מחשיך לעשות דבר שמותר לעשותו בשבת**, אפילו אז ער גייט ארויסגיין פון די תחום עס צו טון, ער איז געגאנגען קוקן ביי די סוף פון די תחום ווייל ער וויל באלד גיין פראווען א מלוה מלכה ביים רבי'ן, **הרי זה מותר**. אפילו מ'טאר נישט ארויסגיין חוץ לתחום, אבער ער איז נישט יעצט אויסגעגאנגען אן אסור'דיגע זאך, די איסור איז אויסגעגאנגען ווען ער טוט עס.

ס'איז נישט אזוי ווי שמירה, ער איז נישט ער גייט טשעקן, למשל פריער האבן מיר געזאגט ער גייט איינפלאנצן, לאמיר זאגן ער וויל גיין איינפלאנצן, די איסור איז זריעה, דאס טוט ער נישט. אבער ער גייט סתם ווייל ער דארף שומרן דארט, ער איז א שומר, ער דארף מאכן זיכער אז מ'גנב'עט נישט וועגן די שבת אויך, ער איז א שומר איסור צו טון שבת, סאו דאס מעג ער גיין, אפילו ער גייט, אינטערעסאנט, א גבא גייט ארויסגיין חוץ לתחום, סאו דאס הייסט נישט אז ער גייט ארויסגיין חוץ לתחום, דאס איז נישט קיין מלאכה וואס ער האט געזען.

רייט, רייט. אדער ארויסגיין, ס'העפנטס צו בי אז ס'געשעט נישט דא, אבער אינטערעסאנט, ס'איז נאר א היכי תמצא ס'זאל קענען טון די זאך. אהא, די גמרא ברענגט די גמרא.

### ביישפילן פון דער גמרא

## Speaker 1:

**אין מחשיכין על התחום להביא פירות מחוברים**. מ'טאר נישט גיין צו די תחום ערב שבת פאר מוצאי שבת, פאר ס'ווערט טונקל פאר מוצאי שבת, להביא פירות מחוברים, צו גיין שניידן און ברענגען פירות וואס זענען נאך מחובר, **או לשכור פועלים**, אדער דינגען פועלים. ווייל דאס זענען, להביא פירות מחוברים איז א איסור דאורייתא, אדער אפילו לשכור פועלים איז נאר א דרבנן, איז דאס אסור.

**אבל מחשיכין לשמור פירות**. מ'מעג אבער יא אראפגיין דארטן צו היטן די פירות, **שהרי מותר לשמור בשבת**. מ'מעג היטן פירות בשבת. **מ'מעג אפילו מחשיכין להביא בהמה ופירות תלושים**. פארוואס? ווייל ער גייט זיך נישט דארט ארייגרייטן אויף די בהמה, רייטן טאר מען נישט, **אבל אם הבהמה קורא לה והיא באה**. ס'איז דא א וועג פון ברענגען די בהמה באופן סתם, ער זאל רופן די בהמה און די בהמה וועט קומען. **אפילו אם היא חוץ לתחום**, אפילו אויב די בהמה איז חוץ לתחום און ער גייט דארפן ווינקען פאר די בהמה ארויסצוקומען.

## Speaker 2:

אין שבת טאר מען דאס אויך? א בהמה מעג ארויסקומען חוץ לתחום?

## Speaker 1:

ניין. א בהמה, אויב ער גייט אליין, זי קען גיין וויפיל זי וויל, אבער אויב א מענטש רופט איר, זי איז אנגעבינדן צו זיין תחום. איך ווייס נישט. ס'זעט אויס אז ער מעג יא. ער זאגט דאך אזוי. פארוואס איז דאס אנדערש? נישט קלאר.

### דיסקוסיע: פארוואס מעג מען ווינקען פאר א בהמה חוץ לתחום?

## Speaker 1:

ער זאגט, **שהבהמה קורא לה והיא באה, אפילו שהיא חוץ לתחום**. ס'זעט אויס אז מ'מעג, ווייל דער מענטש טוט גארנישט. שגאי חוץ לתחום טאר מען נישט, אבער ווינקען פאר א בהמה. ס'זעט אויס אז ס'האט נישט מיט שביתת בהמתו. תחום שבת איז אפשר א מגדר לעצמו, ס'איז נישט פון די ל"ט מלאכות. זעט אויס אז דאס מעג מען מאכן א בהמה טון. ווען ער וואלט ווען געדארפט אליין גיין ברענגען די בהמה בידיים פון חוץ לתחום, וואלט מען נישט געטארט גיין אפילו ערב שבת, ווייל ער מוז טון עפעס וואס איז א חילול שבת פון גיין חוץ לתחום. אבער דא וואס ער דארף נאר בסך הכל ווינקען פאר די בהמה, פארוואס איז דאס נישט ווי א מחמר און אזעלכע זאכן וואס מיר האבן געלערנט פריער?

## Speaker 2:

מחמר איז ווען ער טראגט, דאס איז א גדר אויף הוצאה, אבער חוץ לתחום איז אליין נאר א שוואכערע איסור. דאס מעג מען. מען האט נישט געלערנט וועגן תחומין שבת ווייל...

## Speaker 1:

אקעי. די זעלבע זאך, **פירות הנושרין** מעג מען אויך, ווייל **אילו הוישרו מחיצות**, אפילו אויב ס'איז יא מחוץ לתחום, אבער אויב וואלטן געווען... אדער אפילו פון א כרמלית צו א רשות היחיד, אדער וואטעווער. **אבער אילו הוישרו מחיצות על ידי אביהם בשבת**, וואס איז נישט ממש א מלאכה, אפילו ער טאר נישט.

ס'איז אינטערעסאנט די גדר, כאילו ס'האט נישט צו טון מיט ממש א איסור, ווייל ער גייט שבת תורה אין מלאכה.

**הלכות שבת פרק כ"ד – הכנה משבת לחול, דיבור בשבת, ו"ודבר דבר"**

**המשך: יציאה חוץ לתחום לצורך פירות תלושין**

## Speaker 1:

דו האסט שוין געלערנט וועגן תחומין שבת?

## Speaker 2:

אקעי.

## Speaker 1:

**יצאו בזחלי פירות תלושין** – מעג מען אויך, ווייל **אילו היו שם מחיצות**, אפילו אויב ס'איז יא מחוץ לתחום, אבער אויב וואלטן דארט געווען מחיצות, אפילו פון א כרמלית צו א רשות היחיד אדער רשות הרבים, אבער **אילו היו שם מחיצות, היה מותר להביאן בשבת**, וואס איז נישט ממש א מלאכה. אפילו אויב ער טאר נישט.

**חידוש: דער גדר פון דעם היתר – ס'איז נישט בעצם א מלאכה**

ס'איז אינטערעסאנט דער גדר, כאילו ס'האט נישט צו טון מיט ממש א איסור, ווייל ער גייט טאקע מחוץ לתחום, ער גייט נישט גיין, און אפילו נישט נאר א תחום, קען זיין אפילו איסור רצועה, אבער נאך אלץ, בעצם וואס איך גיי טון איז נישט קיין זאך וואס איז אסור בשבת, שאילו היו בתוך התחום אדער בתוך רשותי וואלט איך געמעגט אויפהייבן פירות תלושין, סאו איך גיי נישט טון א מלאכה. ס'איז אן אינטערעסאנטע הגדרה, מ'דארף עס פארשטיין.

**גדר "הכנה" – מוז זיין א ניכר'דיגע פעולה**

## Speaker 1:

יא, און ס'זעט דא אויס פון די אלע זאכן אויך אז ער דארף טון עפעס וואס איז זייער ניכר אז ער איז עוסק אין עפעס פאר מוצאי שבת.

**שאלה: גיין צו אן אנדערע שול כדי צו ענדיגן פריער – איז דאס הכנה?**

ווייל איך האב געטראכט צו מיר, אסאך מאל דא ווייסט א מענטש וואו ער דאווענט שלש סעודות יעדע וואך, און די וואך דארף ער פליען גלייך נאכ'ן זמן, סאו ער גייט צו אן אנדערע שול ווייל דארטן ענדיגט מען פריער. ער גייט דאך בשבת, ס'הייסט דאך אז ער גרייט זיך אן צו קענען פליען, יא? ס'איז דאך אויך אזוי ווי מכין.

**תירוץ: מכין דארף זיין ווען ער גייט צו א פלאץ וואס איז נישט שבת'דיג**

אבער מ'זעט אז מכין דארף זיין אויך ווען ער גייט צו א פלאץ וואו ס'איז דא די פירות, ער גייט צו א פלאץ וואס איז נישט שבת'דיג. פארשטייסט וואס איך זאג? אז א מענטש זאל עפעס טון אינדערהיים כדי ס'זאל זיין גרייט מוצאי שבת צו טון א מלאכה, מ'ברייטערט נישט אויס די איסור אזוי ווייט. דאס איז א מותר, דאס איז זיכער. ער דארף עפעס אויך טון עפעס וואס איז מכין.

## Speaker 2:

אה, דאס מיינסטו אז ער מאכט אן התחום?

## Speaker 1:

פלעגט מען אויך מאכן אן התחום, אבער ער גייט ביז דארט. אבער ער טוט עפעס אביסל א דבר מועט, אבער ווען ער זאל טון עפעס... אזוי ווי איך זאג, איך וויל ענדיגן פריער שלש סעודות כדי איך זאל קענען טון מוצאי שבת, דאס מעג ער טון.

**דוגמא: גיין שלאפן כדי צו זיין אויסגערוט**

אבער למשל גיין שלאפן, מענטשן רעדן וועגן דעם, יא, מ'זאל נישט גיין שלאפן ווייל מ'וויל זיין אויסגערוט מוצאי שבת, אדער ערב פסח, איך ווייס וואס, יום טוב. דעמאלטס הייבט מען אן צו רעדן, אבער איך ווייס נישט, נישט וועגן הכנה. דארט הייבט מען אן צו זאגן הכנה, מ'טאר נישט מאכן הכנה בשבת, יא? אפילו ער טוט נישט קיין זאך. דאס איז נישט מיט די הכנה. דאס איז די זעלבע דין, אבער מ'דארף זען אין זיין פעולה אז ער טוט עפעס וואכעדיג, ער טוט עפעס וואס האט שייכות.

**דוגמא: גיין צו די ציגארעטל**

למשל, טראכט, לאמיר זאגן א מענטש, ער מוז כאפן א ציגארעטל מוצאי שבת אין זיין צייט. סאו ווען ס'איז נאך שבת, הייבט ער אן צו שפאצירן אין זיין הויז, אז ווען ס'איז זיין דערמאנטע צייט, קען ער נאך כאפן די ציגארעטל. דארט גייסטו זאגן, איך גיי צו די ציגארעטל. אבער ער גייט אהיים, א מענטש מעג גיין אהיים. ס'איז נישט... די זענען עפעס אפענע זאכן. איך זאג, מ'דארף טרעפן די גענויע גדר, אבער מ'זעט דאס א גאנצע צייט. איינער גייט נעבן זיין ציגארעטל, איך וויל נישט זאגן נעבן זיין פאון, און ער דארף עס זייער וויכטיג. מ'דארף טראכטן. קלאר, ס'איז יחס'ס מותר, אבער מ'זעט געגנוג אז דער איסור... און דא זעט מען עס נאכנישט שטיין. איז נישט אין די קעיס, דאס האבן מיר שוין געזען.

**עקזעמפל: אמירה לחברו – "לכך פלוני אני הולך למחר"**

בכלל, מ'זעט נאך אן עקזעמפל וואס מ'טאר אזוי. סתם אזוי קענסטו אויך זאגן די היתרים. אה, א ציגארעטל איז זיכער אסור צו רייכערן אין שבת. אקעי, בכלל, נאך א זאך. בכלל, אמירה לחברו. א מענטש מעג יא זאגן, **"לכך פלוני אני הולך למחר"**. איך גיי צו יענע און יענע שטאט מארגן. פלוצלינג ווייסטו אז מ'טאר נישט זאגן אויך נישט. ער גייט דיך כאפן מיט. ער רעדט עפעס פראקטיש. ער גייט דיך מאכן ביזנעס. ער גייט קויפן יענע רייט.

**פארוואס מעג מען דאס טון? "אם היו שם בורגנין"**

פארוואס מעג מען דאס טון? ווייל מ'מעג גיין צו אן אנדערע שטאט, טעקניקלי. ווייל, **"אם היו שם בורגנין, היו הולכין לשם בשבת"**. אויב וואלטן ווען געווען בנינים, בורגנין מיינט שמירה, הייזקעלעך ווי שומרים זיצן. אזא זאך וואלט געמאכט אז די תחום שבת זאל זיך אויסשפרייטן. ווייל אויב לעבן א שטאט איז דא אזעלכע קליינע הייזקעלעך נאנט צו די שטאט, ברייטערט זיך אויס די תחום שבת. סאו, איינער דארף וואקן צו די נאנטע נעקסטע שטאט, אפילו אויב ס'איז נישט אין די תחום שבת. אבער ס'איז דאך עפעס וואס מ'וואלט ווען געהאט אן אופן אז ס'זאל זיין מותר, סאו ס'איז נישט אזוי אויביסלי אסור. נישט נאר אביסל, ס'איז ענליך צו די פריערדיגע

הלכה פון אויב די פירות וואלטן געווען אין א רשות וואלט ער געמעגט טראגן, אויב די שטאט וואלט געווען אביסל נענטער וואלט ער דאך געמעגט גיין. כאילו ער זאגט נישט אז איך גיי טון א מלאכה, ער זאגט נאר איך גיי גיין, גיין איז מותר בשבת, גראדע האפנט זיך אז דא איז צו ווייט יענע שטאט, שטעל דיך פאר ס'וואלט נישט געווען ווייט.

**ער זאגט נישט וואסערע ביזנעס ער גייט טון**

ווען ער זאגט **"לשכור פועלים"** זאגט ער נישט וואסערע ביזנעס ער גייט טון, ווייל דעמאלטס וואלט עס יא געווען אסור. ער רעדט נאר וועגן די הליכה, און די הליכה איז עפעס וואס איז מותר בשבת. ס'טייטש, ער זאגט נישט עפעס קלאר אז תחום שבת מאכט עס נישט אסור, ס'איז נאר די פסיעות אין פעלד.

**דיסקוסיע: פארוואס זאגט מען "משום הוישענא בורגנין"?**

## Speaker 2:

"משום הוישענא בורגנין" מיינט צו זאגן, מילא וואלט נישט געווען קיין פראבלעם פון תחום שבת, יא?

## Speaker 1:

ס'טייטש, לאמיר זאגן, אויב ער זאגט איך גיי פארן מיט מיין פערד, וואס ס'איז אסור מדרבנן, אדער איך פאר מיט מיין קאר, וואס ס'איז אפשר אסור מדאורייתא, איך ווייס נישט, דאס וואלט ער דאך אוודאי נישט געמעגט רעדן, ווייל אויב איך זאג איך גיי פארן מוצאי שבת, ס'טייטש איך גיי טון א מלאכה, מ'טאר נישט רעדן וועגן טון מלאכות.

**חילוק: רעדן וועגן גיין vs. רעדן וועגן פארן**

מ'טאר נישט זאגן מוצאי שבת האב איך א קאר, אזוי קומט דא אויס. אויב איך זאג מוצאי שבת גיי איך אהיים, גראדע גיי איך אהיים מיט מיין קאר, דארפסטו נישט וויסן, דארפסטו נישט רעדן, איך האב נישט גערעדט פון די מלאכה. אהיימגיין מעג מען דאך שבת אויך. אה, אפילו ס'איז חוץ לתחום מעג איך דאך אפמאכן, אזוויי דארט וואו ס'איז דא אן עירוב מעג מען. איך קען אפילו זאגן "משום עירוב תחומין", אבער ער זאגט נישט. די בורגנין איז פשט אז ס'איז שוין געווארן אזוי דו זאגסט מרחק פון די תחום.

**קשיא: מ'קען דאך זאגן "משום הוישענא בורגנין" אויף יעדע מלאכה!**

## Speaker 2:

נא, מ'דארף פארשטיין נישט "משום הוישענא בורגנין", ווייל מ'קען דאך עס זאגן אויף כמעט יעדע מלאכה. ווען איך גיי גיין מוצאי שבת גראבן, אויב וואלט עס שוין געווען אויסגעגראבן וואלט מען געמעגט גיין, וואס שטייט דא אפגעטון?

## Speaker 1:

"משום הוישענא בורגנין", ס'איז נישט דא.

**תירוץ: גיין איז בעצם מותר, גראבן איז בעצם אסור**

ס'איז דא עפעס א זאך וואס איז דאך מותר. דו זעסט אז די זאכן וואס זענען בעצם פארעווע זאכן, דאס הייסט גיין איז נישט קיין מלאכה, גיין איז מותר. וואלט געווען בורגנין וואלטן זיי געמעגט, נאר ס'האט זיך געמאכט אז דא האט מען גע'אסר'ט. דו זעסט אז וואס איך זוך איז נישט צו גיין באופן אסור.

**"הנראה שתעמוד עמי לערב" vs. "היה נכון לי לערב"**

## Speaker 1:

ווייטער וואס נאך מען מעג, **מותר לאדם לומר לחבירו**, פאר א מענטש טאר נישט דינגען אן ארבעטער, ער האט שוין געזאגט, יא, ער האט געזאגט **"לשכור פועלים"**. מ'טאר נישט אפילו גיין צו א פלאץ וואס איז מוכן א מענטש מעג שמועסן מיט איינעם און זאגן אזוי, **"הנראה שתעמוד עמי לערב?"** דו טראכסט אז מ'קען זיך היינט נאכט טרעפן? אויב ער זאגט נישט וועגן וואס ער רעדט. **אבל לא יאמר לו "היה נכון לי לערב"**, ער טאר אים נישט זאגן באופן ער באפעלט אים.

**חילוק: בלשון שאלה vs. בלשון צווי**

ווען ער זאגט עס באופן שאלה, באופן ער שמועסט, "וואס דו טראכסט, מ'קען זיך היינט נאכט טרעפן?" ער זאגט אים נישט וועגן וואס. אבער ווען ער זאגט עס באופן, "איך וויל מאכן מיט דיר היינט נאכט אן אפוינטמענט", נעמט זיך אויס חפצך בשבת, ווייל ווען ער טוט דאס, טוט ער עפעס.

**ביאור: הרהור מותר, דיבור אסור**

איך וואלט עס אפשר אזוי געזאגט: מ'האט נישט גע'אסר'ט הרהור, מ'האט נאר גע'אסר'ט דיבור. סאו ווען ער שמועסט מיט איינעם, אפילו אין זיין קאפ האט ער אז ביי די פגישה גייט ער רעדן ביזנעס, איז ער האט א מחשבה, **"ובלבו לב כלום"**, ער האט נישט אפילו גערעדט. ער רעדט, ער זאגט זאכן וואס מ'מעג טון אין שבת.

**"היה נכון" = מאכן אן אפוינטמענט**

אבער ווען ער זאגט, "איך וויל מאכן אן אפוינטמענט", טוט ער יעצט א חפץ. איינע פון די זאכן וואס א מענטש דארף טון ווען ער טוט ביזנעס איז מאכן אפוינטמענטס. ווען ער שמועסט אפ מיט איינעם ווען מ'גייט זיך טרעפן, האט ער יעצט געטון עפעס א הכנה פאר עפעס וואס איז נישט שבת'דיג.

**דיסקוסיע: וואס איז דער חילוק צווישן די לשונות?**

## Speaker 1:

די לשון "היה נכון" סאונדט זייער וויניג. איך האב אמאל געמיינט אז ס'מיינט פשוט צו זאגן, "זיי גרייט צו ארבעטן". אויב מ'לייגט צו די אין ווארט "צו ארבעטן", פארשטייט יעדער איינער פארוואס ס'איז אסור. די פראבלעם איז אז ס'שטייט אז אביסל וויניגער איז אויך אסור. דאס איז שווער צו כאפן וואס איז די חילוק פון וואס איז בלשון שאלה אדער וואס ער זאגט "היה נכון", עפעס אזוי ווי "הנראה" איז פשט דו ווילסט, אפשר אויך די טעם איז מיר.

**פירוש: "היה נכון" איז א לשון פון סמכות**

"היה נכון לי לערב" איז, מיין איך, איז דא דא א סמכותי, ער זאגט עס ווי אן אויטאריטעט, אזוי ווי א באס זאגט פאר זיין ארבעטער. ער דארף מסכים זיין, אבער ברמז. גוט, אבער ער זאגט, דו זעסט וויאזוי ער מאכט אן אפוינטמענט? ער זאגט פאר זיין ארבעטער, "היינט נאכט, זיי גרייט, איך דארף רעדן מיט דיר." ער האט יעצט געמאכט אן אפוינטמענט, ער האט געטון יעצט עפעס א באסי זאך, ער האט געטון יעצט עפעס א זאך וואס האט צו טון מיט זיין... ער האט געטון זיין חפץ, ווי דו זאגסט. אבער ווען ער זאגט, "אפשר קענסטו קומען היינט?" "היה נכון לי", וואס מ'גייט טון איז ארבעטן... עפעס איז נישט קלאר פונקטליך די חילוק, איך האב נישט אזוי ארויס די דוגמא, די לשון וואס די גמרא'ס וועלט האט געמאכט צווישן די חילוק פון די לשונות, ביי מיר פארשטיי איך עס נישט אזוי גוט.

**דער בית יוסף'ס פירוש**

ער זאגט אז דער בית יוסף זאגט "והיה אם נאכן" מיינט זיי גרייט צו ארבעטן. ער זאגט, ווען ער זאגט "שתימתא דמילתא" מיינט ער קען זיין אן אופן וויאזוי מענטשן רעדן. דאס הייסט, אפשר איז דאס אזוי, אויב ס'איז משתמע לתרי אפי, ס'קען זיין אז זיי גייען זיך טרעפן אויף עסן פיצא. גראדע, דו קענסט אים נישט, דו ווייסט אים נישט טרעפן אויף פיצא, דו ווייסט זיך טרעפן צו מאכן ביזנעס. אדער לויט אונזער פירער איז דאך דא א גילוי דעת, וואטעווער דו ווייסט, אבער "היה אם נאכן" איז מער א לשון וואס מ'זאגט נאר אויף ביזנעס, נאר קומסט צו א מיטינג. די לשון פון "היה אם נאכן לי לעת ערב" איז א לשון באמת אזוי, "היה אם נאכן לי בבוקר", "ולישמעאל אחיך".

## Speaker 2:

יא, זאגט ער, אויך תנאי, ס'איז אויך תנאי. ס'איז דא א פסק הלכה. אקעי.

**מסקנא: מנהג העולם – "בילדערלעך" און "נישט אום שבת גערעדט"**

## Speaker 1:

שוין, האבן מיר דא געשמועסט וועגן... אויב מענטשן ווילן מקפיד זיין אויף די הלכות, דארפן זיי וויסן די פרטי הלכות. מ'זעט פון דא אז דער מנהג

העולם צו זאגן אנשטאט געלט "בילדערלעך", אדער אפילו זאגן די ווערטער "נישט אום שבת גערעדט", ס'איז א פאני זאך אסאך מאל, ווייל אסאך מאל העלפט עס נישט, אבער מ'זעט אז א לשון המשתמע לתרי אנפין האט א מקום אין די איסור פון "ודבר דבר".

## Speaker 2:

יא. יא, יא, אמת. ווייל הרהור מותר.

**הרהור מותר אפילו ווען יעדער ווייסט וואס מ'מיינט**

## Speaker 1:

הרהור מותר מיינט אפילו באופן וואס יעדער איינער ווייסט וואס מ'רעדט. דאס הייסט, די בילדערלעך מיינט געלט, אבער ער האט נישט געזאגט געלט. אקעי. אבער ווען איינער מאכט ממש געשעפטן, "איך פארקויף דיר די הויז פאר ניין הונדערט טויזנט בילדערלעך", אקעי, מיר האבן געשלאסן די געשעפט, האט ער ממש געמאכט א מעשה מקח וממכר בשבת. אבער ווען ס'איז מער א לשון המשתמע לתרי אנפין, האט ער נישט עובר געווען אויף א קלארע "ודבר דבר", נאר אויף א הרהור.

## Speaker 2:

רייט. רייט. אקעי.

**ביאור נוסף: הרהור vs. דיבור**

## Speaker 1:

מ'קען אפשר זאגן אביסל מער. מ'זאגט נישט אז ווען איינער רעדט עפעס ווענן הרהור בשבת... מ'קען עס זאגן אזוי, הרהור איז מותר, אבער עניטינג וואס דו ברענגסט ארויס די הרהור מיט ווערטער, טויגט שוין נישט, ווייל ס'איז שוין "ודבר דבר".

**חידוש: נאר ווען דער דיבור גופא איז אסור**

אבער איך וואלט געזאגט ניין. אויב אין די "ודבר דבר" אליין, אן די הרהור, ליגט נאך נישט דארטן קיין ווערטער... אפילו לאמיר זאגן דער מענטש וואס האט געזאגט "נראה שתימתא דמילתא לעת ערב", ער האט געמאכט אן אפוינטמענט יעצט, יא? ווייל אין זייערע ביידע מחשבה איז געשען אן אפוינטמענט, אבער אין די דיבור איז נישט געשען קיין אפוינטמענט.

## Speaker 2:

רייט. איך דענק אז ס'איז דא אזא סברא, אז די דיבור וואס איז אסור בשבת איז בעיקר א דיבור וואס טוט עפעס אויף. אזוי ברענגט ער עס להר המוריה.

**דוגמא: שמועסן וועגן א טרעף vs. מאכן אן אפוינטמענט**

## Speaker 1:

דאס הייסט, אויב איך, ווי דו זאגסט, אויב איך שמועס און ס'ווערט שוין א שטיקל העסק, אדער דו גייסט שוין טאקע קומען, אבער סתם אז איך שמועס, "וואס האלטסטו וועגן דעם?", ס'ווערט שוין פאנטאזיעס ווייל דו ווילסט רעדן. עבודה שאינה עבודה, אז ער דארף שוין מאכן נאך אפוינטמענטס? ס'ווערט אים א געוויסע חלום, אדער א צייכן אז עפעס ווערט נישט. איך האב נישט געזאגט אז דאס איז די ווארט, ווייל ווען ער זאגט אז ער זאגט יא, האבן זיי זיך אפגעשמועסט, ער דארף שוין נישט... ניין, ס'איז אבער נישט מוכרח, ווייל ס'איז נישט מוכרח.

**שיחה בטלה, הליכה, ודיבור בשבת — הלכות שבת פרק כ"ד (המשך)**

**הלכה כ"ד (המשך) — קלערונג אין "דיבור" וועגן חפצים: ווען ווערט א שמועס אן איסור?**

## Speaker 1:

דאס הייסט, אויב איך, וויאזוי דו זאגסט, אויב איך שמועס און ס'ווערט שוין א שטיקל הסכם אז דו גייסט שוין טאקע קומען, אבער סתם אזוי שמועסן, "וואס האלטסטו וועגן דעם?" ס'ווערט שוין פאנטאזיעס ווייל דו רעדסט צו איינעם פון צו חיים שטיין.

"וואס זאגסטו צו אן עבודה שיינע חרישת עבודה? אזוי, דו וועסט שוין מאכן נאך אפוינטמענטס?" ס'ווערט אין דעם א געוויסע החלטה, ס'ליגט אין דעם עפעס אדער א צל אז עפעס ווערט נעמען. איינער גייט... ווייל ער זאגט א נער'ישע תלמיד דעם עבודה, ווען ער זאגט יא, האבן זיי זיך אפגעשמועסט, ער דארף שוין נישט... ניין, עס איז מיר נישט מחייב, ווייל עס איז נישט מחייב. ער וויל נישט קומען, יענער קען נישט קומען, אדער... אהא. איך זאג מיר א קולא, איך וויל זאגן א קולא, אז אויב אפילו מ'רעדט יא פון זאכן, אויב עס איז נאר גערעדט, נישט ווייל איך האב גערעדט מוז יענער עס טון. ווייל מ'זעט חש'ן מעגן טון מענטשן, זייער אסאך מענטשן געטון כמעט אלע מאסע'ן, ווייל רוב מאל איז דאס נאר גערעדט. מ'דארף וויסן דא עצעקט יעדער. ווענדט זיך אויב מ'איז א איינער וואס טוען ערענסט. נאכאמאל, אפילו ווי מ'רעדט נאר אים האלטן נאך מ'זענען גארש די ערסטע שטעידזש, אבער בעצם איז ערענסט גערעדט. עס איז גערעדט, אבער אויב ס'איז סתם געשמועסט, דאס איז סתם געשמועסט. מ'דארף וויסן, ווייסט נישט.

**דוגמא: זוכן א רייד שבת**

אבער מלשלע, איך זוך א רייט שבת, דאס האסט אפשר פארשטארף מאנסי מארגן, עס צעלט אז ס'איז עשר, ווייל אויב פארן, איך קיר צו מיר זאגן, פארן, איך רעד נישט פון די אנצינדע די קאר, איך רעד פון די פארן. שטעל דיך פאר דו וואלסט געהאט א וועג צו גיין צו ויסן, ווייסט נישט. דאס וועלט גיין די העטער. אבער דא קומט אריין, אויב א מענטש טרעפט א קריעטיוו וועג, אז ער פרעגט, ער מאכט א שמועס, און ער פרעגט מענטשן, ווען גייסטו אהיים פון דא? ער זאגט נישט די ווארט דרייוווען, און ער זאגט נישט די ווארט, אפילו אין זיין קאפ מאכט ער יעצט, ער בויט יעצט אויף אז מערקען ווען ער גייט זיך אינער'ן זאל ער בערך וויסענד ווען די עולם גייט ווי, ווילאנג עט עס נישט געזאגט, בלייבט עס וועג יעדער הערים אונטרים. מייב.

**צוויי היתרים אין "ודבר דבר"**

און אויך ביי איז די אנדערע העטער, יענע אנדערע העטער, נישט וועגן די הערער מיט די אנדערע העטער. ס'איז דא צוויי עטרים וואס האבן געלערנט ביז דערוויל הערער, ווען מ'זאגט נישט קלאר, און נאך צווייטער געזאגט ווען מ'זאגט וועגן א זאך וואס ס'איז נישט קלאר אז ס'איז אן איסור, מ'קען עס טון ביי אופן א מוטה. איך זאג, ווען ס'איז נישט קלאר, איז אפילו דער הערער אין בעק פון דעם גאנץ קלאר, אבער אין דער דיבור אליין איז עס נאכנישט געשטאנען קלאר.

## Speaker 2:

אקעי, אדער דו ווילסט זאגן אז די פריערדיגע היתר איז אויך וועגן דעם? דאס הייסט, איך קען זאגן "למצוא חפציך אני הולך", אז הגם ער גייט יא עס טון באופן איסור, אבער ער האט עס נישט געזאגט. ער האט געזאגט אז ער גייט קיין, ס'איז נישט קיין איסור צו גיין.

## Speaker 1:

אה, גראדע דארט איז נישט דא די חיסרון פון חפץ. איך האב נישט גערעדט וועגן דעם. אפשר דאס איז די ריזען פארוואס ס'איז א היתר.

**פילאזאפיע פון שפראך: ווערטער vs. כוונה**

ס'איז אינטערעסאנט, ס'האט צו טון מיט וויאזוי אונז קוקן אן שפראך אביסל, און איך גיי נישט יעצט אריינגיין אין פילאזאפיע פון שפראך. ווייל איינמאל מ'ווערט קענען זאגן אז וואטעווער ס'ברענגט ארויס די הרהור האסטו עס געזאגט, נישט קיין חילוק וועלכע ווערטער דו זאגסט. אבער מ'זעט יא, ס'איז דא לשונות וואס ארבעטן, "הרי את מקודשת" ארבעט, "הרי את נשואה לי" ארבעט נישט, וואטעווער, ס'איז די ראנג לשון.

## Speaker 2:

אקעי, זייער גוט.

**הלכה כ"ד (המשך) — איסור לרוץ ולדלג בשבת**

**לימוד הפסוק "אם תשיב משבת רגלך"**

### Speaker 1:

זאגט דער פסוק פון **"אם תשיב משבת רגלך"**, ממש יעדע ווארט טייטשט מען אויס און מ'לערנט אפ דערפון. ס'איז אזוי, אונז האבן שוין אויסגעלערנט איין פשט פון **"מעשות דרכיך"**, אז מ'טאר נישט גיין מחוץ לתחום. דאס איז די "להלוך" צו גיין, האבן מיר אונז געלערנט פון **"להלוך במחפצך"** אדער **"אם תשיב משבת רגלך"**, צוריקהאלטן די פיס אין שבת פון גיין. אבער די פיס פון גיין. יא, מ'האט דוקא געערעדט פון די לשון פון "מהלך". אבער מ'לערנט אויס נאך עפעס פון די פיס, אז אויסער די איסור פון גיין לשם מלאכה מאתן, ניין, פון די לשון "דרך". ניין, ס'קען זיין אז **"מעשות דרכיך"** האבן מיר שוין ארויסגעלערנט אז מ'טאר נישט גיין צו די תחום. אבער **"מעשות דרכיך"** מיינט נאך עפעס, אז מ'טאר נישט לויפן.

#### דער רמב"ם'ס לשון

וואס לערנען מיר ארויס אזוי? **"ואסור לרוץ ולדלג בשבת"**. צווי מיני וועגן פון לויפן שנעל: מ'קען דורך אסאך קליינע טריט אבער זייער שנעל, אדער קען מען מאכן זייער גרויסע טריט, יא? **שנאמר "מעשות דרכיך", זאלסטו זיך צוריקהאלטן פון גיין דיינע וועגן. וואס הייסט? "שלא יהא הילוכך בשבת כהילוכך בחול"**. שבת זאלסטו נאר גיין די רואיגע מין וועג פון וואקן, נישט ווי די וועג פון וואקן פון לויפן.

#### קשיא: "הילוכך בחול" איז דאך אויך נישט געוועונליך לויפן

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל "הילוכך בחול" איז דאך אויך נישט געוועונליך "לרוץ ולדלג". אבער "לרוץ ולדלג" איז א וואכעדיגע געלויפעכץ, א געלויפעכץ פון דאגה, פון משא ומתן, ער דארף עפעס כאפן, ער דארף עפעס טון. שבת איז רואיג, מען דארף נישט אין ערגעץ לויפן.

#### דער רמב"ם'ס הסבר: דער איסור איז נישט אנשטרענגונג, נאר אופן ההליכה

זאגט דער רמב"ם, אבער ס'מיינט נישט צו זאגן אז מען טאר נישט וואקן אסאך. ס'מיינט די אופן וויאזוי מען לויפט זאל נישט זיין באופן ריצה ודילוג, אבער א מענטש מעג וואקן אפילו אויב ער שטרענגט זיך זייער אן מיט דעם וואקן. **וירד אדם**, א מענטש וויל אראפגיין טרינקען וואסער פון א לעיק, פון א קוואל וואסער, ער דארף פארדעם קריכן זייער ווייט. **וירד אדם, באר, רחיצה, חמה, אפילו אין מי עממי, אפילו ער דארף האקן מי עממי, ומטפס**, ער דארף קריכן און אראפגיין און טרינקען, **ומטפס ועולה**, און קריכן נאכאמאל אויף די וועג ארויף, די אלע זאכן מעג מען טון.

### Speaker 2:

ס'הייסט, דער איסור איז נישט צו גיין ווייט? הגם חוץ לתחום טאר מען נישט גיין, אבער א באר איז א היכא תמצא וואס אלס פתחא דתחום מעג ער גיין, אפילו ס'איז שווער. ס'איז נישט קיין איסור צו גיין אין א שווערע שפאציר, דער איסור איז צו לויפן.

### Speaker 1:

ער זאגט אויך אז בעיסיקלי מדלג זיין און מטפס זיין איז נישט די זעלבע זאך. א מענטש וואס... מען קען זאגן אז מטפס זיין איז א מין וועג...

### Speaker 2:

יא, ווייל א מענטש קריכט אויף א בארג, ס'איז א מין וועג פון... ס'איז אויך נישט קיין נארמאלע וואקן.

### Speaker 1:

אמת, ער דארף קריכן ווייל ער קריכט אויף א בארג. יא. אבער ער מיינט צו זאגן אז ס'איז נישט די ווארט "וואקן מיט אנשטרענגונג", ווייל וואקן מיט אנשטרענגונג איז אויך די ארייגיין אין די מערה. ס'איז די אופן ההליכה פון לויפן. דער רמב"ם גייט עס מער מסביר זיין.

#### פארוואס לויפט א מענטש? משא ומתן vs. דבר מצוה

פארוואס לויפט א מענטש? ער דארף כאפן די באס. שבת כאפט מען נישט קיין באס. ער דארף כאפן נישט משא ומתן. אבער באלד וועלן מיר זען, אין שיעור לערנען מען לויפט. דאס גייט באלד זיין. פאר א דבר מצוה האט מען מתיר געווען.

## הלכה כ"ד (המשך) — איסור להרבות בשיחה בטלה בשבת

#### דער רמב"ם'ס לשון

### Speaker 1:

סאו, מ'האט צוגעלייגט פון דעם פסוק האט מען געזאגט די עצם זאך וואס ס'מיינט עוסק זיין אין משא ומתן בשבת, האט מען צוגעלייגט וואקן אזוי ווי אין די וואכן. און מ'האט צוגעלייגט נאך עפעס, רעדן אזוי ווי אין די וואכן. נישט רעדן וועגן משא ומתן, נאר די וועג וויאזוי מ'רעדט. וואס איז להרבות בשיחה בטלה בשבת? מ'טאר נישט מרבה זיין מיט שיחה בטלה בשבת. **שנאמר "ודבר דבר", שלא יהא דיבורך של חול כדיבורך של שבת.** דיין רעדן בשבת זאל נישט זיין אזוייוי דיין רעדן בשבת. וואס טייטש? אז ס'זאל נישט האבן קיין ריבוי דברים בטלים.

#### חילוק פון דעם פריערדיגן "ודבר דבר"

ס'גייט זיך אויסקלארן מאכן די חילוק פון די פסוק פריער וואס מ'האט געערענגט "ודבר דבר", וואס מ'האט געברענגט **"ודבר דבר"** בהמשך צו **"ממצוא חפצך"**. דבר שאינו של חול. יעצט רעדט מען שוין נישט נאר דיבור אויף ביזנעס, נאר סתם צו רעדן פאר פאן און פאר וואסער. איז דא א שיעור וויפיל מען מעג רעדן שבת? ווייל ער זאגט נישט וויפיל. דאס קען נישט זיין קיין איסור גמור, ווייל אמאל שטייט מרבה זיין, ווען א מענטש דארף עס האבן פאר וויכטיג, ווייסטו, ער דארף פארברענגען מיט זיין קינד, איז דא זייער אסאך שיחה בטילה, אויך נישט קיין ריבוי.

### Speaker 2:

דאס איז נישט שיחה בטילה, דאס איז בכלל א מצוה.

### Speaker 1:

דא איז ער רעדט פון עפעס א סארט שיחה בטילה וואס מ'איז בכלל מתיר, אמת? וואכנ'ס, ווייל ס'איז דיבורים של חול כאילו, און די וואכנ'ס מעג מען, אבער שבת מעג מען נישט. ס'איז זייער נישט קלאר וואס דאס מיינט, אבער ס'הייסט, ס'איז אזא ווי מיעוט. די איידיע איז, לויט וויפיל ס'שמועסט אין די וואכן, זאל ער שמועסן ווייניגער.

#### ביאור: ס'איז נישט אבאוט די טאפיקס, נאר די ריבוי

אן די ווערטער "להרבות בשיחה בטילה", וואלט מען געזאגט "שלא יהא דיבורך של חול", כאילו וואלט מען געזאגט עפעס די טאפיקס זאלן נישט זיין טאפיקס פון אין די וואכן. אבער מ'זעט נישט אזא זאך. ס'איז נישט פשט אז שבת טאר מען נישט רעדן וועגן קארס אדער וועגן רעספיס. אבער יענץ איז שיחה בטילה. אבער שיחה בטילה טאר מען נישט. איך מיין צו זאגן, ס'איז נישט דא אן איסור פון רעדן וועגן נישט-שבת'דיגע זאכן. רעדן וועגן רבי'ס אדער וועגן קארס, ביידע איז שיחה בטילה וואס מ'טאר נישט האבן אז ס'איז א ריבוי פון רעדן צו סאך.

### Speaker 2:

רעדן וועגן רבי'ס איז א מצוה.

### Speaker 1:

אדער איז עס א מצוה, אדער איז עס א מצוה צו רעדן לשון הרע אויף זיי. איינע פון די צוויי.

### Speaker 2:

אבער דו ווייסט נישט אז ס'איז א קבלה אין ראפשיץ אז מ'דארף נישט פאר'ן דאווענען רעדן אויף צוררי צדיקים?

### Speaker 1:

עניוועיס, איך זאג נישט אזוי, ס'איז זייער וויכטיג, חובה על הקהל לדאוס את גדוליו, איך ווייס נישט זיין לשון.

### Speaker 2:

ניין, ניין, איך ווייס וואס דו ווילסט זאגן, אבער וואס איך מיין צו זאגן איז אז ס'איז נישט אבאוט די טאפיקס, ס'איז אבאוט די ריבוי שיחה בטילה. ס'איז א ריבוי, אויך די איסור איז די ריבוי.

### דער רמב"ם האט נישט געגעבן קיין שיעור

## Speaker 1:

ער ברענגט דא פון די גמרא, אביסל מעג מען, אביסל מעג מען, אבער אסאך טאר מען נישט. סאו, עט סאם פוינט דארף מען סטאפן די שמועס. איך ווייס נישט ווען ס'איז אסאך.

### דער רמ"א'ס היתר: אויב איינער האט הנאה

און דער רמ"א שטייט א היתר אז אויב איינער ענדזשויט עס דוקא, איז דאס אן עונג שבת. אינטערעסאנט. ווייל כאילו די קענסט זיין ריבוי שיחה בטילה, אזוי אויך די היתר איז עונג שבת. דאס רעדט זיך פון א מענטש, אז א נארמאלער עדאלט ענדזשויט נישט עכט צו רעדן שטותים. ווייסטו, אמאל אין די וואכן דארף ער... ער רעדט שטותים און נאכדעם פילט ער פאני אבאוט איט, יא. אפילו בשעת מעשה.

## Speaker 2:

איך הער. צער אחר, אפילו ער האט הנאה בשעת מעשה, אבער צער איז אים נאכדעם.

### שייכות צו פריערדיגע הלכות: ליינען בשטרי הדיוטות

## Speaker 1:

אבער איך זע, ער צייכנט צו אז אין פריערדיגע פרק האבן מיר געלערנט וועגן ליינען בשטרי הדיוטות בשבת. דאס איז טאקע געווען די איסור פון מוחק, אבער נאר מיר איז געשטאנען די לשון אז מ'טאר נישט ליינען אפילו בכתובים, גזירה שמא יטה.

## Speaker 2:

יא, אקעי, ער דארף טראכטן צו... בשעת בית המדרש.

## Speaker 1:

רייט, סאו שבת איז דא צוויי איסורים, די איסור פון רעדן אדער אפילו ליינען זאכן בשעת ווען דער עולם לערנט.

## Speaker 2:

אינטערעסאנט, דארטן האט ער עס אריינגעברענגט גראדע גלייך נאכ'ן רעדן וועגן די איסור פון מוחק.

## Speaker 1:

יא, אקעי, אבער נאכ'ן רעדן וועגן שרייבן, שטותים, האט ער געזאגט וואס מ'טאר נישט רעדן דברים בטלים, דברים בטלים.

### פארוואס איז שיחה בטלה אסור? שביתה, נישט נאר לערנען

## Speaker 2:

אבער איך האב פארשטאנען אז דער רמב"ם האט שוין געזאגט אז שבת איז א צייט פון לערנען.

## Speaker 1:

ס'איז נישט קלאר. ס'זעט אויס, מיר, איך וואלט געמיינט, מן הסתם אוודאי ביסטו גערעכט אז שבת איז א צייט פון לערנען, אדער אפילו נישט רעדן, רעדן צדיקים, רוב צדיקים, עפעס. אבער פון דא זעט עס אויס מער פון די נושא פון די שביתה פון שבת. ס'האט צוטון מיט די אנדערשקייט פון שבת. שבת זאל זיין רואיג. ס'זעט אויס סאמהאו שיחה בטלה איז נישט רואיג. ס'האט צוטון מיט די שביתה, אזוויי תשב, יא? תשב, תשבות, ממצוא חפצך ודבר דבר. טו נישט אזויפיל. שיחה בטלה איז א שטיקל סארט עבודה. איך ווייס נישט פארוואס ס'איז א מלאכה. ס'איז נישט קיין מלאכה ממש, אבער אזוויי גיין צו די ארבעט איז א סארט מלאכה, איז שמועסן שטותים איז אויך א סארט מלאכה. איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען, וואס טוען די אלע מענטשן וואס זייער דזשאב איז צו מאכן פאדקעסטס און רעדן פאר איין אווער? שבת איז ער דאך פטור, ער דארף נישט מאכן קיין פאדקעסט.

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דא שטייט אז וואס מ'האט הנאה מעג מען. נארמאלערהייט, זיין הנאה איז פון די רבי. ס'איז טאקע דא א נארמאלער מענטש וואס האט די ערשטע צען מינוט הנאה, און נאכדעם האט ער שוין צופיל געפלאפלט. דער מענטש וואס רעדט א שעה, ער דארף א שעה.

ס'איז שווער, און וועגן דעם האט דער רמב"ם געלאזט אזוי אפן. אויך, דער רמב"ם האט עס נישט געקעפט, ער האט נישט געזאגט, איך ווייס נישט, א האלבע שעה, ס'איז נישט קיין אמאונט. אבער ס'זעט מיר אויס פון די קאנטעקסט אז ס'איז א טרחה, ס'איז אביסל אזוויי נישט קיין מנוחה. וואס איז די מנוחה? רעד נישט צופיל. אונז טראכט מיר אפשר איז נישט רעדן צופיל.

### נאכאמאל: שביתה, נישט נאר לערנען

אבער אפילו דא קען אויך זיין אז ס'איז קאנעקטעד מיט דעם וואס דער רמב"ם האט שוין געזאגט אז שבת איז א צייט פון לערנען. ס'איז נישט קלאר. ס'זעט אויס, מיר, איך וואלט געמיינט, מן הסתם אוודאי ביסטו גערעכט אז שבת איז א צייט פון לערנען, אדער אפילו נישט רעדן, רעדן צדיקים, רוב צדיקים, עפעס. אבער פון דא זעט עס אויס מער פון די נושא פון די שביתה פון שבת. ס'האט צוטון מיט די אנדערשקייט פון שבת. שבת זאל זיין רואיג. ס'זעט אויס סאמהאו שיחה בטלה איז נישט רואיג. ס'האט צוטון מיט די שביתה, אזוויי תשב, יא? תשב, תשבות, ממצוא חפצך ודבר דבר. טו נישט אזויפיל. שיחה בטלה איז א שטיקל סארט עבודה. איך ווייס נישט פארוואס ס'איז א מלאכה. ס'איז נישט קיין מלאכה ממש, אבער אזוויי גיין צו די ארבעט איז א סארט מלאכה, איז שמועסן שטותים איז אויך א סארט מלאכה. איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען, וואס טוען די אלע מענטשן וואס זייער דזשאב איז צו מאכן פאדקעסטס און רעדן פאר איין אווער? שבת איז ער דאך פטור, ער דארף נישט מאכן קיין פאדקעסט.

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דא שטייט אז וואס מ'האט הנאה מעג מען. נארמאלערהייט, זיין הנאה איז פון די רבי. ס'איז טאקע דא א נארמאלער מענטש וואס האט די ערשטע צען מינוט הנאה, און נאכדעם האט ער שוין צופיל געפלאפלט. דער מענטש וואס רעדט א שעה, ער דארף א שעה.

ס'איז שווער, און וועגן דעם האט דער רמב"ם געלאזט אזוי אפן. אויך, דער רמב"ם האט עס נישט געקעפט, ער האט נישט געזאגט, איך ווייס נישט, א האלבע שעה, ס'איז נישט קיין אמאונט. אבער ס'זעט מיר אויס פון די קאנטעקסט אז ס'איז א טרחה, ס'איז אביסל אזוויי נישט קיין מנוחה. וואס איז די מנוחה? רעד נישט צופיל. אונז טראכט מיר אפשר איז נישט רעדן צופיל.

### מסקנא: מ'דארף נישט קוקן אזוי

ס'מיינט אז שבת זענען מיר עכט לימיטעד מיט וואס מ'קען רעדן, יא? אויב ס'איז אינטערעסאנט איז דאך עס לכאורה מעשה און מעשה, אדער דברי תורה, און אלע זאכן דברים בטלים. מ'דארף נישט קוקן אזוי.

### דער רמב"ם אין פירוש המשניות: פינף סארטן דיבורים

דער רמב"ם אין פירוש המשניות, נאך נאך, ער איז דאך זייער מאריך אביסל וועגן די נושא פון דיבור, יא? דו געדענקסט דאך די פינף סארט דיבורים: מצוות, עבירות, און נתרים, און משנאים. דער רמב"ם איז געווען זייער אינטערעסירט בפרט אין די נושא אז רוב מענטשן זענען

### הלכה ז-ח: דברים המותרים בשבת לצורך מצוה

### הלכה ז — המשך: דיבורים בטלים בשבת

## Speaker 1:

אויב איז עס אינטערעסאנט, איז עס א חסידישע מעשה און מופת, אדער דברי תורה, און אלע אנדערע זאכן איז דברים בטלים. קען זיין אז מ'דארף זיין א געוויסע עדזש צו קוקן אזוי. דער רמב"ם איז אין פירוש המשניות נאך נאך עד דעת, ער איז מאריך אביסל וועגן די נושא פון דיבור, יא. איך געדענק דארט איז דא פינף סארט דיבורים: מצוות און עבירות און נדרים און לשון הרע. דער רמב"ם איז געווען זייער אינטערעסירט בכלל אין די נושא אז רוב מענטשן רעדן צופיל שטותים. סאו שבת איז אביסל ווייניגער שטותים, נו? שוין, איז פשוט.

מיין גוט. סאו ווען איז מותר די אלע זאכן? יא. איך טראכט אויך צו די חיוב איז אפשר טאקע נאר פאר מענער, פאר ערוואקסענע. מ'קען זאגן קינדער און פרויען, קינדער יא, זייער אלע שיחה איז שיחה בטלה, ווייל זיי זענען נישט עוסק אין מעשי מרכבה, זיי זענען נישט עוסק אין תורה. יעדער איינער האט זיין דרגא. יעדער איינער האט זיין סיטואציע. איינער וואס רעדט אסאך, איז שבת אביסל ווייניגער.

**מקור פון ירושלמי — רבי שמעון בר יוחאי און זיין מאמע**

זיי ברענגען צו אז אין ירושלמי שטייט אז רבי שמעון בר יוחאי האט געזען זיין מאמע רעדן שבת. אבער ס'שטייט נישט רעדן, "מרבה בדיבור", רעדן צופיל. "שתוקי שבתא יומא". ער וואלט געזאגט אז איינמאל ס'ווערט איר א טרחה זאל זי סטאפן. אה, זייער גוט. דו זעסט אז ס'איז אויך פאר פרויען. פאר א פרוי.

## Speaker 2:

ניין, אבער דארטן זעסטו, לויט די פרוי איז רבי, איז עס שוין א זאך אפילו פאר א פרוי.

## Speaker 1:

דאס איז די מקור פאר שרייען "שבת". ווען דארף מען שרייען "שבת"? נישט ווען מ'זעט א איד פארן שבת, ער שטייט נישט דא. ווען מ'זעט א איד רעדט צופיל שטותים שבת, "שבת!"

## Speaker 2:

ניין, ער האט חס ושלום נישט געשריגן אויף זיין מאמע. ער האט נישט געשריגן אויף זיין מאמע.

## Speaker 1:

ניין, ער האט געזאגט זייער שיין, "מאמי, לאמיר רעדן שבת." לאמיר זאגן אז ס'איז גוט שבת. דארט שטייט די לשון, "שתוקי שבתא יומא". ער האט נישט געשריגן חס ושלום, ס'איז נישט ריכטיג. ער האט געזאגט שיין שבת. ער האט געזאגט שבת. ס'איז נישט קיין ענין.

ס'קען זיין אז די ווארט איז, וועגן די מאמע פון רבי שמעון בר יוחאי האט דאך זיכער געווען א מלומדת צדקת, וואס האט יא געוואוסט צו לערנען. זי האט געקענט אריינלייגן א פינף-זעקס שעה שבת נאכמיטאג ביי דברי תורה, זאכן וואס זענען נוגע פאר פרויען. שטייט יא, "דער יום טוב איז געגעבן פאר פרויען". אקעי, לאמיר לערנען ווייטער. און דאס רעדן שוין כמעט צוויבטל.

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

ניין, אבער ער האט זיכער נישט געשריגן. ער האט געזאגט "שבת היום", מ'האט געדענקט אז ער רעדט, אבער נישט צופיל.

**דיגרעסיע: שיחה ביי דער סעודה**

**"מותר לרוץ בשבת לדברי מצוה."** ניין, איך זאג עס פאר א סיבה, ווייל איך בין אן אויפגעברויזטער. ס'איז דא מענטשן וואס טארן נישט שמועסן ביי די סעודה. א סעודה איז אויך א חלק פון די סעודה אז יעדער זאל פילן פרי זיך צו עפענען דאס מויל. אויב ס'איז דא א געוויסע אנגעצויגנקייט ביים טיש, דאס הייסט אז ס'איז דברים בטלים. דאס הייסט אז מענטשן זאלן האבן אן איינגענעמקייט.

## Speaker 2:

יא.

**הלכה ח — מותר לרוץ בשבת לדברי מצוה**

## Speaker 1:

**"מותר לרוץ בשבת לדברי מצוה."** מ'האט געשמועסט אז מ'טאר נישט לויפן אין שבת. גייט ער יעצט אריין רעדן די דעטאלן פון די איסור. זאגט ער, דאס וואס מ'האט געזאגט אז מ'טאר נישט לויפן אין שבת, דאס איז נישט פאר א דבר מצוה, אבער פאר א דבר מצוה מעג מען לויפן אין שבת. **כגון, שירוץ לבית הכנסת או לבית המדרש.**

ס'טייטש, לויפן אין שבת איז נישט די איסור סתם ווייל ס'איז א טירחא, ווייל ווען מ'גייט צו א דבר מצוה, אפילו אויב ס'איז א טירחא, אבער ס'איז דא אפשר א שמחה של מצוה, דעריבער מעג מען.

דאס להעיר, די גאנצע סיבה איז בעצם אופנים וואס מ'מעג יא לויפן אדער רעדן אדער טון איינע פון די זאכן וואס מ'האט גערעדט אז ס'איז נישט שבת'דיג. ווען ס'איז א מצוה איז עס יא שבת'דיג.

## Speaker 2:

ניין, איך מיין צו זאגן אז מ'קען עס זאגן אזוי: רעדן אסאך איז א טירחא, לויפן אסאך איז א טירחא, אבער ביידע איז נאר אסור ווען ס'איז לבטלה. ביידע זאכן, ווען ס'איז פאר א גוטע צוועק, קוקט עס שוין נישט אן א מענטש ווי א טירחא.

## Speaker 1:

אקעי, מעיבי. און מעיבי איז עס ווייל א מצוה איז גובר אויף די ענין פון די שמועסן.

## Speaker 2:

יא, אמת. אסאך איסורי דרבנן זענען נישט גוזר במקום מצוה. **כגון שירוץ לבית הכנסת או לבית המדרש.**

**חשבונות של מצוה**

## Speaker 1:

און וואס נאך מעג מען טון? **מחשב חשבונות של מצוה.** מיר האבן געלערנט אז מ'טאר נישט מאכן קיין חשבונות בשבת ויום טוב, אדער, דא איז אויך געווען "ודבר דבר". יא, אבער לחשוב חשבונות של מצוה. אויך האבן מיר געלערנט אז מ'טאר נישט מאכן מדידות, טשעקן וויפיל זאכן וועגן. דאס איז געווען אין די פריערדיגע פרק כ"ג. אבער אין מדידה של מצוה מעג מען, **כגון מקוה, לידע אם יש בה שיעור.** א מקוה צו וויסן אויב ס'איז דא א שיעור. ס'מיינט אז מ'לערנט הלכות מקוה, אדער אז ס'איז נוגע פאר תפילה שבת. מ'דארף טשעקן די מקוה, זען צו זי איז כשר. **אויב א בגד ליידער מקבל טומאה,** די זאכן דארף מען אויך טון מדידה, אבער געווענליכע מדידה טאר מען נישט טון וועגן שמא יכתוב, שמא ימחוק. אבער דאס מעג מען, ווייל ביי מקוה מצוה האבן חכמים נישט גוזר געווען.

**דיסקוסיע: וואו ליגט דער איסור פון חשבונות?**

## Speaker 2:

יא, איך וויל נאר זאגן, ס'איז דא דאך לכאורה צוויי איסורים, סיי אויף חשבונות, און סיי וויבאלד מ'רעדט וועגן פוסקין צדקה, די נעקסטע שטיקל, ס'קען זיין א איסור פון משא ומתן, וואס איז שמא יכתוב אדער ימחוק. און דא רעדט מען לכאורה נאר פון די רוסף און שמועסן. דארף מען פארשטיין ווי איז געגאנגען די חשש אז ער גייט שרייבן. קען זיין אז ווען ס'איז א מצוה איז יענץ אויך מותר, אזוי ווי מ'זעט אז אסאך זאכן איז מותר לצורך מצוה. אדער קען זיין לצורך מצוה פירט מען זיך נישט צו שרייבן, ווייל מ'נעמט א מקוה, ס'איז שוין כשר. מ'דארף פארשטיין.

## Speaker 1:

איך מיין די ווארט איז, קוקן אין כ"ג י"ח י"ט, דער רמב"ם האט א זייער אינטערעסאנטע לשון. ביידע מאל ווען ער רעדט וועגן שמא יכתוב און שמא ימחוק פון כתיבה און חשבונות, זאגט ער "שלא יהיה כחול, מחשבותיו בשבת כמחשבי חול". ס'איז עפעס, דו זעסט אז דער רמב"ם האט אפילו ביי די שמא יכתוב און שמא ימחוק האט ער אויך געטראכט אז ס'איז אן ענין פון עשיית חפצים, דו זעסט? ביי ביידע מאל, זאגט ער נאכאמאל... איך האב געטראכט אז ער מיינט צו זאגן אז אויב ער גייט זיך פירן וואכעדיג, קען ער שוין ארויסנעמען זיין פען, ווייל ער פילט זיך שוין וואכעדיג. און דו ווילסט טענה'ן אז ווען ער רעדט פון צדקה פילט ער זיך נישט וואכעדיג. אפשר אזוי.

אפשר האט דער רמב"ם געהאלטן, ער איז געווען מסופק וואו צו לייגן די חשבונות של מצוה, צו אין שמא יכתוב, שמא ימחוק, אדער ס'איז וואס איז דאך זייער נאנט, יא, מאכן חשבונות. ס'קען זיין מאכן חשבונות אפשר, אבער איך מיין נישט אז ס'איז אן איסור פון דיבור, ווייל ער קען אפילו מאכן די חשבונות אין זיין קאפ. לאמיר זאגן אז ער זאגט עס ארויס פון זיין מויל, אבער ס'איז נישט אן ענין פון א שמועס. ווען א מענטש ציילט, יא, ער שטייט און ער מאכט אין זיין קאפ די חשבונות פון די סייז פון זיינע פעלדער, וויפיל ער גייט מאכן, ס'איז נישט קיין ענין פון שמועסן, ס'איז אן ענין פון... אבער ס'איז מער ווי הרהור. ווען א מענטש מאכט א חשבון, לאמיר זאגן ער דארף עס זאגן ווייל אזוי וועט ער עס געדענקען, אבער ס'איז נישט עפעס וואס ער דארף טון אין א קאמיוניקעישאן מיט א צווייטן, ס'איז נישט קיין שמועס, ס'איז נישט קיין משא ומתן, ס'איז א חשבון. אבער ס'איז אויך נישט קיין הרהור, ס'איז מער ווי הרהור, ס'איז א חשבון.

סאו, ער האט עס אריינגעלייגט אין שמא יכתוב, אבער ער האט אויך געזאגט "שיהא כחול", דו זעסט, בייביידע מאל האט ער געזאגט. מילא, וחשבונות של מצוה, דער שם יחיד איז אויך נאר א דרבנן וואס איז במקום מצוה.

## :Speaker 2

אקעי. ס'איז טאקע אינטערעסאנט, ווייל די אנדערע איסורים וואס דער רמב"ם האט געזאגט, די אלע איסורי דרבנן האט ער נישט געזאגט אז מען מעג במקום מצוה, נאר די "עשיית חפציך", ווייל די ענין איז די חפץ של איסור.

#### פוסקים צדקה לעניים

## :Speaker 1

אקעי. **ווי פוסקים צדקה. פוסקים צדקה לעניים**, מיר האבן נעכטן געלערנט אז מ'טאר נישט געבן קיין מתנה שבת, ווייל ס'איז אן ענין פון מקח וממכר, ס'איז א מין פינאנציעלע חליפות. דא איז אויך, דא וואלט געווען לכאורה אן ענין פון מקח וממכר, אבער דאך פוסקים מיינט נאר מ'זאגט צו. אבער וויבאלד ס'איז צדקה איז דא די זאך פון אמירה לגבוה כמסירה להדיוט, אזוי ווי מ'וואלט אים יעצט מקנה געווען.

## :Speaker 2

רייט. ס'איז קען זיין ביידע. די צוויי זאכן זענען קאנעקטעד. מ'טאר נישט מקנה זיין, אבער ס'איז זייער גוט. אזוי צו אזוי, מ'טאר נישט מקנה זיין, אבער געבן צדקה לעניים מעג מען יא.

#### דיסקוסיע: פארקויפן עליות שבת

## :Speaker 1

רייט. איך האב געזען אין די פריערדיגע, ס'איז דא א מחלוקת אין די אחרונים וועגן פארקויפן די עליות שבת. ס'איז לכאורה מקח וממכר. ס'איז דא וואס זאגן אז ס'איז נישט קיין עכטע מקח וממכר, מ'קען נישט גיין אין בית דין אויף דעם. אפשר יא? אדער קען מען זאגן אז דא איז דא די היתר אז לצורך מצוה מעג מען. אבער דאס איז דאך תלוי אין די חקירה, צו לצורך מצוה איז אויך מותר ממש מקח וממכר. מיר רעדן נאר אז די נושא פון דיבור איז מותר.

ס'איז דא שולן וואס מ'פירט זיך צו זאגן, מ'זאגט נישט דאלארס, מ'זאגט הונדערט טויזנט, צען טויזנט. וואס העלפט עס? ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל מ'קען אמת'דיג זען א מקום צו אסר'ן דאס פארקויפן עליות, ווייל ס'איז אסאך מער ווי צוזאגן צדקה לעניים, ווייל ס'איז אזויווי מ'פארקויפט א פראדוקט. מ'פארקויפט צדקה, זאגט מען ער געבט צדקה. דא ער קויפט שישי, ער קויפט עס, ס'איז ממש מקח וממכר. אבער מ'זעט אז מנהג ישראל איז אז אפילו דארטן איז מען מקיל. איך ווייס אז טאקע דארט האט מען געזאגט אן אנדערע לשון, איך ווייס.

## :Speaker 2

יא, אבער די לשון איז נאר א נושא פון דיבור. פארקערט, ס'איז א קונדל וואס אונז זאגן, די לשון איז בכלל נישט די פראבלעם. דו קענסט רעדן פון דאלארס וויפיל דו ווילסט לצורך מצוה. די פראבלעם איז די פארקויפן. אויף דעם העלפט נישט אז דו זאגסט טויזנט אנשטאט דאלאר. און די קשיא איז דאך אויך שפעטער, ווען מ'מאכט די מי שברך, "בעבור שינדב" אזויפיל און אזויפיל, די לשון איז דאך ממש פוסק זיין. יא, דאס איז זיכער מותר. אבער ס'איז צדקה לעניים. אבער ס'איז דאך פאר א שול. ס'איז א שול, ס'איז נישט פאר אן עני. ס'איז א שטיקל סטרעטש צו זאגן אז ס'איז א מצוה.

## :Speaker 1

יא. פרעגסט א קשיא. הקדש. אבער הקדש איז נישט מותר. ס'טרעפט זיך אז ס'איז יא א שול, און מ'דארף אים יעצט מקדיש זיין צו עפעס. אקעי, איך מיין די נעקסטע שטיקל גייט אפשר רעדן וועגן א שול. **"והולכין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות..."** ניין, מ'דארף א כח. יא, אבער נישט אויף צו דאווענען, נאר לאמיר זען. **"ואפילו... מ'מעג גיין סיי ווי עוסק זיין אין עסקי רבים."** ס'הייסט, הגם משא ומתן איז אסור, וועט א מענטש טראכטן אז גיין טרעפן פאליטישאנס, רעדן וועגן די שטאט, רעדן וועגן פאליטיקס, איז אסור. אבער מ'מעג גיין, צו די פאליטישע ראלי איז אין א בית המדרש, אין א בית הכנסת, און ס'רעדט זיך וועגן דער רבי אדער יענער רבי, אדער ס'רעדט זיך וועגן גוים, דער פאליטישאן און יענער פאליטישאן, אויב איז עס אפילו אין טרטיאות, ס'טרעפט זיך נישט אין גוים, אפילו אין טעאטערס אדער אין פאלאצן פון גוים וואו מ'דארף גיין, **לפקח על עסקי רבים בשבת**, צו עוסק זיין אין עסקי רבים. הגם אז ס'איז דא אויך די ענין פון א וואכעדיגקייט, יא, מ'רעדט וועגן, לאמיר זאגן, מ'רעדט וועגן ביזנעס, אבער אז מ'איז שוין געגאנגען לצורך רבים, די קהילה איז געגאנגען, מ'מעג גיין.

#### עסקי רבים

ס'קען זיין אפילו מלאכה, מ'גייט פיקסן די גאס, איך ווייס נישט וואס. מ'גייט מאכן אן אסיפה שבת וועגן, איך ווייס נישט, וועגן סעיפטי פון דרייווער אינמיטן די וואך. הגם ס'איז נישט קיין שבת'דיגע זאך, אבער ס'איז אן ענין פון עסקי רבים. וואטעווער ס'איז, איך ווייס נישט. לפקח מיינט נישט פשוט, דער ועד העיר קען זיך טרעפן, דער פלענינג באורד מעג זיך טרעפן שבת אין בית המדרש. דארט טרעפן זיך די אידן ביי שלש סעודות, זיי רעדן וויאזוי מ'גייט בעסער מאכן די מקוה, איך ווייס נישט וואס, וואטעווער. מקוה איז דאך ממילא א מצוה, אבער לצורך רבים, אפילו סתם, די טרעפיק לייטס זאלן ארבעטן בעסער, נאך זאכן.

מ'האט געלערנט נעכטן אז מ'איז נישט מקדש בשבת, וואס ס'איז אויך דא אן ענין פון קנין. אבער מ'מעג יא רעדן שידוכים. אבער דא רעדט מען בעסער מאכן די בורות. אבער ס'איז מער נאנט קאנעקטעד. יא? אסור לקדש, אסור ליתן להקדיש, אבער מותר. אסור לחשב חשבונות, אסור לדבר במקח וממכר, אבער אזעלכע סארט קנינים אדער אזעלכע סארט שמועסן מעג מען יא.

#### משדכין על התינוקות

**"ומשדכין על התינוקות לארס"**, מ'מעג, די לשון איז עפעס אינטערסאנט. **"משדכין על התינוקות לארס"**. איז דא תינוקות? משדכין מיינט רעדן. יא, אזוי ווי מקדש בלא שידוכין, איז דאך דא אן ענין פון א שידוך, ס'איז דאך א הסכמה. ניין, איך מיין, דא, לויט די לשונות, דא די לשון אזוי ווי דו זאגסט, די לשון וואס מיר האבן געזען, ווי איך האב געזאגט, שטייט אין רבנו אברהם בן הרמב"ם "מקדש בלשון דיכא", דיכא מיינט שמועסן, אפשמועסן.

### הלכה כד (המשך) – משדכין על התינוקת לארסה, ביקור חולים וניחום אבלים בשבת

#### פירוש "משדכין על התינוקת לארסה"

## :Speaker 1

דער לשון איז עפעס אינטערעסאנט. **"משדכין על התינוקת לארסה"**. דער טאטע גייט אין שול און ער זאגט אז עס איז א תינוקת אין בית דין. ניין, נישט עס איז א תינוקת. "משדכין" מיינט רעדן.

"משדכין" מיינט רעדן? יא, אזוי ווי "מקדש בלשון שידוך". וואס איז א שידוך? וואס אונז רופן א שידוך? א שידוך מיינט אן הסכמה? ניין, איך מיין אז דא, לדעת פון די שונות, דא דער לשון, אזוי ווי די זעלבע זאך דער לשון וואס אונז האבן געזען, ווי איך האב געזאגט, עס שטייט אין מראה הפנים אז מען איז מקדש בלשון שידוך, "שידוך" מיינט שמועסן. מען מעג שמועסן, אפשמועסן אז מען גייט חתונה האבן, מען גייט מארס זיין, מקדש זיין.

סאו "משדכין", איך מיין אז די ווארט "משדכין" גייט אויף די אלע זאכן נאכדעם. מען מעג מאכן פלענער, עוסק זיין צווישן מענטשן. סתם אזוי מעג מען זיך צוזאמענזעצן אפאר עסקנים, איך ווייס, "על התינוקת לארסה", צוזאמשטעלן א שידוך, ווייל א תינוק. ער מעג עוסק זיין ווייל א תינוק ללמדו ספר, ער מעג אויסשמועסן שבת מיט א מלמד וואס זאל לערנען מיט דעם קינד. אדער אפילו ללמדו אומנות, ער מעג רעדן מיט איינעם וועגן אויסלערנען זיין זון קאמפיוטערס, וואס איז א וואכעדיגע זאך. דאס קומט אריין אין דעם ענין ווייל א חוב על האב ללמד את בנו אומנות.

דאס איז א מצוה, פשוט די מצוה פון א טאטע פאר זיין קינד איז אים אויסצולערנען סיי ספר, דאס הייסט תורה, און סיי צו געבן א פאך.

**מבקרים חולים ומנחמים אבלים — צער בשבת**

## Speaker 1:

**און מבקרים חולים ומנחמים אבלים.** שבת טאר מען נישט עוסק זיין אין זאכן וואס איז צער. אונז האבן דאס שוין געהאט קלאר? אונז האבן עס נאכנישט געהאט קלאר, אבער אונז ווייסן שוין אז מען טאר נישט... א שבת האט מען מבטל געווען, אונז האבן געלערנט אין הלכות תפילה, א שבת איז מען נישט עוסק אין צרות. שבת איז מען נישט עוסק... דער רב שטעלט זיך נישט אויף שבת צו פארציילן אלע צרות וואס איז דא אויף דער וועלט, מען זאל מתפלל זיין אויף דעם, ווייל דאס וועט אריינברענגען אין צער. אבער דאס מיינט נישט אז די מצוות פון חסד איז נאך אלץ דא. מבקרים חולים, מען דארף יא גיין מבקר זיין א חולה, און מען איז יא מנחם אן אבל. אפילו שבת, דער אבל זיצט נישט שבעה, מען מאכט נישט קיין אבילות בפרהסיא שבת, אבער מען מעג טרייסטן. מען זעט אז ער איז א צובראכענער איד, טרייסט מען אים.

**דיון: אבילות בשבת**

## Speaker 2:

ווער זאגט אז מען זיצט נישט שבעה שבת?

## Speaker 1:

מ'זיצט, מ'שפירט זיך נישט מנהגי אבילות בפרהסיא. אבער זיצן שבעה זיצט מען יא. דאס הייסט אז ס'איז אן אבל. מ'גייט אים זען אין דער היים, מ'איז אים מנחם. איך האב נאך קיינמאל נישט געזען איינער זאל מנחם אבלים זיין שבת, ווייל ס'איז דא א טעקסט פון ניחום אבלים, מ'זאגט נישט קיין "מקום". מ'זאגט עס נישט שבת. אבער דא זעט מען אז יא, אבער דער מענטש איז באבילות, שבת איז נאך אלץ א סעד שבת.

איך מיין אז ניחום אבלים דא מיינט נישט די מצוה אז מ'גייט אזוי זאגן "המקום ינחם אתכם". קיינער איז נאך נישט געווארן געטרייסט פון דעם אין די היסטאריע פון טרייסטן אבלים. דאס איז א מצוה, אבער דער עיקר איז דאס זיין דארטן. על כל פנים, איך מיין אז ס'איז א חיזוק פאר מענטשן - איך האב נישט גערעדט מיט אסאך אבלים - אז ער איז נישט אליין אין זיינע ימי אבלות. יעדער איינער וואס האט א קשר מיט אים קומט אריבער. אבער דא ניחום אבלים מוז עס שוין נישט מיינען די צורה אז מ'זיצט נידריג. ניין, ניחום אבלים קען אויך מיינען ער רעדט צו א צעבראכענעם מענטש, איך טרייסט א מענטש וואס איז טרויעריג. שבת איז ער אויך טרויעריג, און אויב מ'קומט צו אים שבת טוט מען די מצוה פון ניחום אבלים.

## Speaker 2:

מ'זאגט אז מ'זאגט נישט.

## Speaker 1:

מענטשן ווייסן, ס'איז נישט איינגעפירט, איך ווייס נישט פארוואס. איך מיין, ס'איז דא פלעצער וואו שבת קומען אבלים אין שול און מ'זאגט "המקום ינחם" - מער נישט קריטישע פלעצער.

## Speaker 2:

אבער דו ווייסט וועגן דעם?

## Speaker 1:

נו, אבער איך מיין צו זאגן אז דער ניחום אבלים פון שבת מוז נישט זיין דאס זאגן, אבער די ניחום אבלים איז נישט דאס. ס'קומט אריין א מענטש וואס איז אינמיטן ימי אבלו, ביסט אים מקרב און ביסט אים משמח, דאס איז דער אופן פון ניחום אבלים בשבת. ווייל שבת איז דאך דא א מנהג אז מ'מאכט נישט באופנים פון אבילות, אבער ער איז טרויעריג און דו טוסט די מצוה פון מנחם אבלים.

ס'איז דער זעלבער ניחום אבלים שבת, ס'מיינט נישט עפעס אנדערש ווי די גאנצע וואך, חוץ פון דעם וואס... ניין, לאמיך מיך בעסער מסביר זיין. א מענטש קען אדער ער האט עפעס א חבר וואס איז זייער אנגעזעצט לעצטנס, ער קען גיין פארברענגען מיט אים, אדער ער קען גיין צו עפעס א שבעה הויז מנחם זיין איינעם וואס זיין שוועסטער איז נפטר געווארן. די ערשטע איז א מצוה דאורייתא, דאס הייסט עכט ניחום אבלים, טרייסטן א מענטש וואס איז טרויעריג. די צווייטע איז א מנהג, א מנהג אז נאכדעם וואס א מענטש איז אן אבל טוט מען אזא צורה'ס א מנהג. סאו אפילו אויב מ'טוט נישט די צורה'ס א מנהג פון ניחום אבלים, אבער ס'איז דא עפעס וואס הייסט מצות חסד.

**דיון: מנהג vs. מצוה דאורייתא**

## Speaker 2:

אבער דאס איז געענוי אויף דעם קום איך זיך צו קריגן. קודם כל, איך ווייס נישט וואס דו מיינסט, ס'איז נישט קיין מנהג צו גיין זיצן ביים אבל. ס'איז א סאושעל זאך, ס'איז מנחם, אזוי איז מנחם, ס'איז א סדר. ס'איז נישט אנגעפרעגט, די מענטשן קומען. סאו זיי קומען, און ווען ניחום אבלים מיינט יענץ, ס'מיינט נישט די אנדערע זאך וואס דו זאגסט. באמת, אלע ניחום אבלים מיינט דאס וואס דו זאגסט אין די ערשטע קעיס. פאר דעם קומט מען, כדי אים צו פארזארגן, מ'איז מיט אים. אבער ס'איז דא אסאך מענטשן, ס'ווערט שוין עפעס אזא סדר, ס'איז אזוי. מען זאגט עפעס א פסוק ווייל ס'שטייט אין צעטל, מ'מוז נישט זאגן דעם, מ'איז יוצא אן זאגן דעם פסוק אויכעט, נישט די ווארט. אבער די עיקר ניחום אבלים, דאס הייסט די נארמאלע ניחום, גייט אן שבת אויכעט. אבלים זיצן נישט, דו זאגסט אז מ'זאגט נישט שבעה שבת, דאס איז נישט אמת, שבת פירט מען זיך נישט מנהגי אבילות, שבת איז דוחה כל די... אבער דו זאגסט אבילות בפרהסיא, ער זיצט נישט אויף א קליינע בענקל, אבער ס'איז נישט קיין חילוק, מ'קומט אריין און מ'זאגט אים "המקום ינחם", פונקט אזוי ווי אין די וואכן.

און דו זאגסט אז ס'איז דא פלעצער וואס ס'איז דא ממש אזא מנהג אז שבת אין שול, ווען די אבלים קומען אין שול, זאגט מען "המקום ינחם". איך מיין ס'שטייט אפילו געברענגט אין די שולחן ערוך אדער אין די ספרי המנהגים. אונז מיינען, אזוי ווי דו זאגסט, אונז מיינען אז ניחום אבלים איז עפעס א פארמאלע זאך, אז אויב ער זיצט נישט קען איך נישט מאכן ניחום אבלים. מ'קען זייער גוט. דו ווייסט אז איינער זיצט שבעה, קענסטו צוגיין צו אים שבת, און מ'איז אים יוצא. ער זאל זיך זיין העפי אויכעט, אויכעט נישט.

## Speaker 1:

אין די זעלבע צייט וויל איך אויך זאגן, אז ווען מ'זאגט נישט די ספעציפישע פסוק, און מ'איז סתם נייס צו אים ווייל מ'ווייסט אז ער איז יעצט אין ימי אבלו, האט מען אויך יוצא געווען ניחום אבלים. ווייל די פשט פון ניחום אבלים מיינט נישט צו זאגן א געוויסע פסוק, ס'מיינט טרייסטן א מענטש וואס איז אן אבל. ס'מיינט נישט טרייסטן, ס'מיינט יא צו גיין צו זיין הויז, און איך ווייס נישט וואטעווער מ'טוט.

**דיגרעסיע: פארמאליטעט vs. רעאליטעט פון ניחום אבלים**

## Speaker 1:

איך האב עפעס א זייטיגע אדזשענדע. אסאך מאל איז דא א מענטש איז געשטארבן, און ער האט זייער א נאנטע חבר, וואס איז ממש זיין נאנטסטע חבר, קיינער קוקט אים נישט אן. ער האט עפעס א שוועסטער וואס איז געקומען צופארן פון ארץ ישראל, ווייל דאס איז די הלכה. סאו ענליך אריינצונעמען די מנהג הלכה, די שוועסטער איז אן אבל, און דער חבר איז נישט. אבער אז איינער גייט טרייסטן דעם חבר, גייט ער טון די מצוות ניחום אבלים מדאורייתא נאך מער ווי ער טרייסט די שוועסטער וואס איז נישט באמת טרויעריג. אבער דאס איז נישט נוגע, דאס איז די דינים אויף אבלים.

## Speaker 2:

אבער וואס איז דא טרויעריג?

## Speaker 1:

עניוועיס, פארוואס זאל ער זיין טרויעריג? דו פארשטייסט וואס איך מיין ארויסצוברענגען, צו ארויסנעמען פון די פארמעליטי צו די ריעליטי פון די... זייטס געזונט, ווייטער.

## Speaker 2:

אמת, אמת. דא שטייט דאס אויך, אבער וואס זאג איך? יא.

**ביקור חולים בשבת – "שבת היא מלזעוק"**

## Speaker 1:

ווייטער זאגט דער רמב"ם יעצט, מען גייט מבקר חולה זיין בשבת, טוט ער די מצוה. אבער געווענליך ווען מען גייט מבקר חולה זיין אינמיטן דער וואך, וואס וואלט דער מענטש געטון? ער וואלט מתפלל געווען מיט דעם חולה, אדער ער וואלט אים אויסגעהערט די דעטאלן פון זיינע צרות, דאס איז דער אופן. אבער שבת איז יא דא אן ענין מען זאל נישט עוסק זיין בשאלת צרכים בשבת, זאל מען טון די מצוה אנדערש. **"וכן המבקר את החולה אומר לו שבת היא מלזעוק, שבת איז נישט קיין טאג וואס מען שרייט, ורפואה קרובה לבוא, די ישועה גייט שוין קומען"**. ס'דארף זיין אן אופן פון די צורה פון ביקור חולים זאל אויסקוקן אנדערש אין שבת. איך וואלט געזאגט אז ס'איז אויך מער אזא רעקאמענדאציע, ווייל אויב דער חולה איז יא איינער וואס וויינט יעצט און ער שרייט און דו דארפסט אים אויסהערן, די מצוה פון ביקור חולים גייט דאך זיין אים צו... דא קען מען אויך צוקומען צו די פארמאליטעט. ס'איז דא א פארמאלע וועג וויאזוי מען גייט געווענליך, מען וואלט געזאגט א קאפיטל תהלים, מען וואלט געבעטן די לאנגע תפילה פון רפואה, און יעצט זאגט מען די קורצע נוסח שבת היא מלזעוק. אויב דו ווילסט זאגן נישט פארמאל, קענסטו דאס איבערטייטשן אויף די ברייטערע שמועס. די שמועס שבת גייט מער בדרך חיזוק, שבת שרייט מען נישט, שבת וועט קומען א רפואה, אנשטאט פון "אוי, רבונו של עולם, העלף שוין". דו קענסט עס זאגן, אויף ביידע קען ארבעטן די זעלבע זאך.

מיר האבן שוין געלערנט, אזוויי דו זאגסט, מיר האבן שוין געלערנט אין הלכות תפילה די הלכה אז מען שרייט נישט שבת. פארדעם טאקע די מי שברך וואס מען מאכט אין בית המדרש, נאכדעם זאגט מען נאך שבת היא מלזעוק. ס'איז אביסל פאני, ווייל ס'מיינט מען זאגט נישט קיין מי שברך, מען זאגט נאר שבת היא מלזעוק. דער בעל התניא טאקע לאזט אויס די גאנצע נוסח מי שברך "מי שברך אבותינו יברך את החולה", און ער זאגט גלייך שבת היא מלזעוק, ווייל די לאנגע נוסח איז טאקע צועק צו זיין. פארשטייט זיך, אויב איז דא א חולה שיש בו סכנה, האבן מיר געלערנט מעג מען יא דאווענען שבת.

**דיון: תפילה על החולה**

## Speaker 2:

און ווייטער, וואס נאך טוט מען? דארפסט וויסן אז ס'שטימט מיט די רמב"ם אין הלכות תלמוד תורה, איך ווייס נישט וועגן זאגן א פסוק על החולה.

## Speaker 1:

אה, ס'איז נישט... אונז רעדן דא פון תפילה, אונז רעדן דא פון תפילה.

**מכינים לדבר מצוה – צרכי כלה וצרכי מת**

## Speaker 1:

**מכינים לכתחילה**, מיר האבן פריער געלערנט אז מ'טאר נישט גיין ביי די עק פון די תחומין שבת כדי צו קענען גלייך מוצאי שבת אויסגעזיין אין וואכעדיגע זאכן. אבער מען מעג יא, למשל, א חתן אדער א כלה, איז ער מחכה אז די כלה'ס קלייד זאל אנקומען, א ליסקיין מת, לא ולא ארון ותכריכין. **ואומר לו**, מען מעג זאגן פאר אן ארבעטער אדער פאר וועם, **לך למקום פלוני**.

## Speaker 2:

"לו" מיינט פאר א גוי? אויב מען טוט עס דורך א גוי?

## Speaker 1:

איך מיין מען זאגט איינער פאר'ן צווייטן, מארגן, דער רעדט פון מארגן. אדער מען מעג טון די דבר של חול פאר א כלה אדער פאר א מת, **או להביא תוספות משם, או להביא מקום פלוני, או להביא תוספות מנה, או להביא מסיים. אבער רבי אומר, שלא יזכיר לו סכום מקח**. ס'טייטש, מ'האט מתיר געווען לדבר מצוה, אבער אויך נאך אלץ זאל מען... אה, דאס איז עס, נישט זאגן סכום מקח. ס'בלייבט יא מער אסור, עפעס אזא זאך. נישט קיין נאמבער, קויף פאר צוויי הונדערט דאלער. איך מיין אז פאר דעם איז דער מנהג פון ביים פארקויפן די עליות זאגט מען נישט די מהלך. ער זאגט צען טויזנט אנשטאט טויזנט, ווייל ער זאגט נישט סכום מקח. אבער ווען מ'פוסק'נט על צדקה רעדט מען יא זיכער יא סכום, ווייל מען זאגט, פלוני האט געגעבן טויזנט דאלער פאר'ן אפיעל. און דארטן זאגט מען נישט שלא יזכיר לו ערך.

**סיום – "חפציך אסורים אבל חפצי שמים מותרים"**

## Speaker 1:

ער זאגט אז דער רמב"ם, דער סיום, איז אויף די אלע זאכן וואס מען האט יעצט געלערנט. **שכל אלו וכיוצא בהן**, די אלע זאכן, **אפילו לרוץ לדבר מצוה, באר וכיוצא בו**, די אלע זאכן, **איז מצוה אים, שנאמר "עשות חפציך". חפציך**, דאס איז וואס דיר גלוסט זיך, **אסורים, אבל חפצי שמים**, דאס איז ענינים חפצי שמים, **מותרים**.

איך זע דא ער ברענגט אראפ, אז דער שפעטער... ס'איז דא א שאלה, וויאזוי איז מען מנחם אבלים בשבת? דארף מען זאגן אזא ענליכע זאך, אזוי ווי "שבת היא מלנחם", עפעס אזא זאך. און דער דרכי שלום זאגט אז מ'פירט זיך אז מ'איז נישט מנחם אבלים בשבת ביי אונז. עניוועי, ס'איז דא וואס שטייט.

נו, מיר פליען, אבער די יסוד איז די זעלבע זאך. וואס איז די פשט פון די היתר "עשות חפציך"? קען מען ווייטער לערנען אויף אונזערע ביידע וועגן. ס'איז נישט מכריע, ס'איז נאר א דיוק אין די פסוק. אבער ס'איז אינטערעסאנט, די חז"ל האבן דא מתיר געווען, אבער ס'איז נאך דא די קליינע הגבלות פון נישט זאגן די סכום, אדער נאר זאגן "שבת היא מלזעוק" ווערסעס ממש מיטקרעכצן.

**דיגרעסיע: חיזוק בשבת vs. אינמיטן וואך**

## Speaker 1:

אבער ס'זעט מיר אויס פון די ענין פון חולה, אז אינמיטן די וואך זאל מען נישט גיין מיט די ערד פון "שבת היא מלזעוק", ווייל ס'איז דא מענטשן וואס ווען איינער איז טרויעריג זאגט מען, ס'גייט זיין גוט. איך זאג דערצו אז ס'איז א מורא'דיגע, און מ'זאגט אז ס'איז שנעלע מעשה ר' אלימלך בידערמאן, ווייל מ'וויל נישט די צייט זאל אריינקומען, דאס איז גוט פאר שבת. אבער אינמיטן די וואך דארף מען הערן זיין צייט, אריינלייגן אין זיין צייט. נאכאמאל, די ריזען פארוואס מענטשן זאגן חיזוק איז ווייל זיי, ער איז נישט מחדש דיר, ער פרעגט זיך אליינס, ער איז שווער צו זיין מיט צייט, זאגט ער חיזוק, פארשטייסט? ער פושט שנעל אוועק דארט. אמת, א שבת

איז אמת, א שבת וויל מען זיך נישט מתייאש זיין, זאגט מען טאקע אזוי. אבער די וואך איז דאך ווי דו זאגסט, ס'איז יא א מצוה זיך מתייאש צו זיין געציילט.

### פרק כ"ד, הלכה י"ב — טעמי איסור טלטול/מוקצה (המשך)

#### דער רמב"ם'ס דריי טעמים פאר איסור טלטול

## Speaker 1:

ווייל חכמים האבן נישט געוואלט אז שבת זאל אויסקוקן ווי די וואכן. און די נביאים, און די רמב"ם איז מסביר, ער לייגט אפילו צו, ווייל ס'איז דא אפילו א דענדזשער פון דעם. ווייל שבת טוט מען דאך נישט קיין מלאכה, מ'גייט דאך נישט אין די ארבעט, וועט א מענטש זאגן, "אה, היינט איז א גוטע טאג צו ארגאנייזן מיין גערצדזש." וועט ער יעדע שבת צו זיין ביזי, וואקער איז דא ווי סאסעק בוי, און די תורה שטייט דאך **"למען ינוח"**, סאו ער וועט נישט האבן קיין מנוחה שבת.

#### "למען ינוח" — טעם, נישט מצוה

אבער נאכאמאל, די גאנצע שטיקל פון "למען ינוח" פעלט עכט נישט אויס, ווייל ער האט שוין געגוג געזאגט אז ס'איז א קל וחומר פון **"ודבר דבר"**. רייט, אבער איך מיין אז די נביא אליינס איז "למען ינוח". פארוואס זאגט ער עס דא דוקא? פארוואס זאגט ער נישט אלס א הסבר פאר די נביא גלייך ווען ער זאגט, די "למען ינוח" גייט אויך ארויף אויף דיבור און הליכה אויכעט? אפשר ווען דיבור איז נישט נוגע. איך וויל דיר זאגן אז ס'איז הארבער נאך ווי דיבור און הליכה. ווייל דיבור וועט נישט מאכן "שלא ינוח", אבער אויב ער וועט זיך מטלטל זיין וועט ער אינגאנצן נישט נאך זיין. ס'קען זיין אז דיבור איז אויכעט ווייל ס'איז אזויוי א סייג פאר "למען ינוח", אבער ס'איז נאך ווייטער. און דא ביסטו דאך אפילו נענטער, ס'איז ממש "למען ינוח".

איך וואלט געזאגט אפשר א מהלך אזוי: אז ס'שטייט אין די תורה "למען ינוח". סאו איינער וועט זאגן, "למען ינוח"? ממילא טאר מען נישט מטלטל זיין. וועט איינער פרעגן, איז דען נישט אמת אז "למען ינוח" גייט נאר אויף די ל"ט מלאכות? פארוואס אלע אנדערע זאכן טאר מען נישט? וועט ער זאגן, "ניין, דו זעסט דאך אז די נביאים האבן גע'אסר'ט מער ווי די ל"ט מלאכות פאר די סיבה, ווייל ס'זאל אויסקוקן שבת'דיג." ממילא זעסטו אז "למען ינוח" איז מער ברייט ווי די ל"ט מלאכות.

רייט, אבער ס'איז נאך אלץ נישט דאורייתא. "למען ינוח" מיינט נאך נישט אז ס'איז אן איסור דאורייתא. ס'איז נאך אלץ נישט קיין דאורייתא. "למען ינוח" פון די תורה גייט נאר אויף די ל"ט מלאכות. אבער דו זעסט אז די תורה וויל אז מ'זאל רוען, די סיבה פארוואס די ל"ט מלאכות איז אסור איז ווייל מ'זאל האבן מנוחה. סאו די מעשה איז נישט אסור מדאורייתא, אבער די טעם הדבר איז דאורייתא. די ציור הדבר איז אז די תורה וויל אז שבת זאל זיין אן אנדער מין טאג. און דו זעסט אז אפילו אז ישעיה הנביא האט אזוי אפגעלערנט דעם פסוק, ישעיה הנביא האט פארשטאנען אז "למען ינוח" איז נישט נאר די קארגע מינינג פון די ל"ט מלאכות, ער האט צוגעלייגט דיבור און אנדערע זאכן אז ס'זאל נישט אויסקוקן, מ'זאל זען אז די מנוחה, די מנוחה זאל זיין וויזיבל. איז אוודאי קען מען צולייגן די טלטול אויכעט. מ'דארף שוין נישט קיין... איך ווייס נישט פארוואס ער זאגט דאסווארט "וויזיבל". איך ווייס נישט וואו עס שטייט. מ'נעמט צו שלושה. איך מיין נישט דוקא דאס ווארט "וויזיבל", אבער...

#### דיסקוסיע: "למען ינוח" — טעם פאר מוקצה, נישט פאר שבות

## Speaker 2:

דער רמב"ם זאגט שפעטער שבות וניקיריס, אבער דאס איז נאך א זאך.

## Speaker 1:

דו שטעלסט... איך האלט נאך ביי די ערשטע טעם. איך מיין אז יא, מ'דארף אבער נאר דערמאנען אז מיר געדענקען, מיר האבן גערעדט אנהייב הלכות שבת, דער רמב"ם, וואס דער רמב"ם האט געשריבן אז **"תשבותו"** איז טייטש אז ער זאל נישט טון די אלע טרחות, נישט מבטל זיין די שביתה. און דער רמב"ם האט געזאגט אז דאס איז טייטש שביתה. זעט מען פון רמב"ם אז ניין, שביתה איז אוודאי א כלליות'דיגע שביתה, אבער ס'איז מער דומה למלאכה אדער עין מלאכה. "למען ינוח" איז א טעם פאר איסור מוקצה, נישט פאר איסור שבות. טאקע "למען ינוח" איז א צוויי... ערשטע זאך, ערשטע חילוק פון רמב"ם און רמב"ן. און די צווייטע חילוק איז אז דער רמב"ם זאגט נישט אז ס'איז א מצוה צו מנוחה זיין שבת. שביתה איז טאקע א מצוה, און אפשר דא אזוי ווי די רבנן'ס הייסן שבות, איז א חיוב פון יענץ. אבער "למען ינוח" איז נישט א מצוה, נאר ס'איז די טעם. דאס הייסט, די תורה וויל אז מ'זאל רוען שבת. הגם די תורה האט נישט געהייסן רוען שבת, אויב איינער טרעפט עפעס א וועג, איז ער נישט עובר אויף די תורה, אבער מ'זעט אז די כוונה, די טעם, איז "למען ינוח". און וועגן דעם טעם האבן די נביאים און די חכמים צוגעלייגט די איסור טלטול. שטימט?

#### דער צווייטער טעם — יבוא לעשות מלאכה

**"ועוד,"** זאגט דער רמב"ם, **"איז דא נאך א טעם פאר די איסור טלטול. אז כשיבקרו ויטלטלו כלים שמלאכתן לאיסור,"** ער גייט אינספעקטן און רירן די כלים שמלאכתן לאיסור, ער איז זייער נאנט, אלס חלק פון די אינספעקשאן, ער וויל טשעקן צו די וואטעוועד, צו די דריל ארבעט, גייט ער עס שנעל געבן א צינד אן. ערשט ער איז עס עוסק בהם הרבה, **יבוא לעשות מלאכה.**

#### דער דריטער טעם — שביתה ניכרת לכל אדם

**"ועוד,"** זאגט דער רמב"ם א דריטע טעם, **"שמא יצא בו אחד מבעלי אומניות שהן בטלין כל ימיהם."** ס'איז דא מענטשן, א חלק פון די פאלק, זענען נישט קיין בעלי אומניות און זענען בטלין כל ימיהם, **"כגון הטיילין ויושבי קרנות,"** וואס דער רמב"ם זאגט אז זיי זענען מתענגים כל ימיהם. די איינציגסטע שווערע עבודה וואס זיי האבן איז דארטן אין ספר נשים וואס די טיילין ויושבי קרנות דארפן טון יעדן טאג. **"שכל ימיהם אינם עושים מלאכה,"** זיי טוען גארנישט. **"ואם יהיה מותר להלך ולדבר ולטלטל כשאר הימים,"** אויב וואלט מען ווען געמעגט מהלכך בדבר ובטלטול כמו בשאר ימים, **נמצא שלא שבת שביתה ניכרת".** מ'האט נישט געזען אויף אים אז ער איז שובת. די שווערע ארבעטערס זעט מען אז זיי טוען נישט ארבעטן שבת, אבער דער ערליכער איד, דער חשוב'ער תלמיד חכם, מ'גייט נישט זען אויף אים קיין שביתה. **לפיכך שביתה מדבור ומעילה היא שביתה השוה לכל אדם.** האבן די חכמים געזאגט אז ס'מוז אויך זיין א שביתה וואס מ'זעט ביי יעדן איינעם.

אין אנדערע ווערטער, ער זאגט דאך אויך אז ס'איז דא אן איסור ביי די בעל מלאכה. יא, ער האט אן אנדערע טעם. אבער דער רמב"ם לייגט צו א דריטע טעם, אז ס'איז דא א מענטש וואס טוט מלאכה א גאנצע וואך. אוודאי באמת איז שבת אנדערש, אבער מ'דארף אז שבת זאל זיין אנדערש ווי א גאנצע וואך. אויב איינער וואס איז א כולל יונגערמאן, ער טוט נאך מצוות אויך אין שבת, ער האט נישט, מ'דערקענט נישט קיין שום חילוק צווישן שבת און א גאנצע וואך. פארוואס דארף זיין שביתה ניכרת? אויך ווייל ס'שטייט "למען ינוח". ער זאגט נישט פארוואס, אבער ס'איז עפעס פשוט אז שבת איז אנדערש ווי א גאנצע וואך. ס'קען נישט זיין אז שבת איז בעיסיקלי די זעלבע. איי, ס'פרעגט זיך א קשיא, וואס וועט זיין מיט די מענטשן וואס ארבעטן נישט? ווייסטו וואס איז חפץ זייער עבודה? סאו, אין טלטול איז בעצם די עיקר שבת ביי די מענטשן וואס ארבעטן נישט, ווייל דאס איז די גאנצע חילוק אז ער טוט שבת אנדערש ווי א גאנצע וואך.

אזוי ווי איך האב געזאגט מיין פריינד אמאל, ער האט געזאגט, "וויאזוי ווייסטו אז ס'איז דא א חילוק צווישן שבת און יום טוב?" שבת לייגט מען אריין די קאווע אין די הייסע וואסער, און יום טוב לייגט מען אריין די הייסע וואסער אין די קאווע. דאס איז די ניכר. סאו, אויב מ'טוט נישט קיין מלאכה, איז דאס די עיקר. אבער האסטו געזען זייער קלאר אז די אלע דריי טעמים זענען נישט נאר אויף מוקצה, נאר אויף אויף **"להלך ולדבר"**.

#### די אלע דריי טעמים גייען אויף אלעס וואס די חכמים האבן צוגעלייגט

סאו, ער קומט נאך צוריק צו ישעיה, אז ישעיה האט געהאט די אלע דריי זאכן אין מיינד. אפשר די צווייטע איז נישט קלאר, **"ממצוא חפצך"**, אבער ס'קען זיין, ווייל די ערשטע און די לעצטע זענען נוגע אויף אלע, און די מיטלסטע איז דווקא אויף טלטול, איז אביסל שווער די סדר הרמב"ם. פארדעם שטימט עס ווייל ער זאגט, "לכאורה וויל ער זאגן אזוי, אז דאס איז אלעס נאך א זאך וואס איז בעצם בכלל דברי ישעיה, הגם ס'שטייט נישט דארט 'לטלטל', אבער די חכמים האבן פארשטאנען אז דאס איז אויך אזוי געווען.

#### "נהגו שלא לטלטל" — דרגות לדרגות

ער זאגט, **"ומדברים אלו נהגו שלא לטלטל..."** האבן זיי גערעדט. איך מיין "נהגו שלא לטלטל" מיינט ער צו זאגן אזוי, ווייל אין טלטול איז געווען דרגות לדרגות. קודם האט מען געהאט גע'אסר'ט אלעס. די רמב"ם זאגט אז ס'איז נוגע, דאס מיינט די גאנצע נושא פון טלטול, און אין טלטול איז דא אפאר פעיזעס. די גאנצע נושא פון טלטול הייבט זיך אן מיט דעם.

#### דיסקוסיע: וואס מיינט "נוגע"?

### :Speaker 2

די רמב"ם זאגט נוגע,ביידע. לאמיר אין א מינוט רעדן וועגן דעם. ווען די רמב"ם זאגט ביי נחמיה האט מען גע'אסר'ט אלעס...ווארט, ווארט, ס'שטייט אזוי, "חזרו והתירו". די רמב"ם זאגט עס נישט, אבער ס'קען זיין אז ער זאגט דאס ווארט "נוגע" צוליב ס'טרעפט זיך פון יענץ.ווארט מיר א סעקונדע.

### :Speaker 1

איך וואלט געזאגט אז "נוגע" איז טייטש אז ס'שטייט נישט. ס'איז נישט ממש א ראיה, ס'איז א סברא. ס'איז נישט אז ס'שטייט דא טלטול. ביי די רמב"ם דארף מען זיך גדענקען אז ס'איז א גרויסע חילוק פון א זאך וואס מ'קען רעדן פון ריח הדברים, וואס די רמב"ן נעמט דאס ערנסט. ביי די רמב"ם שטייט אבער דאך. אז ס'איז נוגע, איז טייטש, דאס מאכט מיר טראכטן אז מ'דארף מאכן אזא זאך. ס'איז נישט קיין מקור אין מיר דאס. ס'איז וועגן די סברא, ס'קומט נוגע, לאפוקי אזוי ווי מיר זעען מפני מה, ס'איז נישט קיין מקור. ס'איז נאר אזוי ווי א נגיעה, ס'איז דא א הרהור, אזוי ווי יגיע מסע, אזוי זאל מען זאגן מריח.

#### דער כלל פון טלטול — "כלים הצריך להם"

**"ואסרוהו לטלטל אלא כלים הצריך להם"**, וואס דאס איז זייער וויכטיג. אזוי ווי די רמב"ם זאגט אז ס'איז דא א איסור צו מטלטל זיין, די כלל פון טלטול איז אז מ'איז נישט מטלטל קיין שום כלי נאר וואס מ'דארף שבת. נישט נאר אז ס'איז דא א ליסט פון זאכן וואס נישט, נאר דו בעצם האסט א ליסט פון זאכן וואס דו מעגסט יא, "דבר הצריך להם". מיר וועלן זען אין די נעקסטע פרק מער קלאר. דאס דארף זיין די לעצטע דריי טעמים איז ממש אינטערעסאנט, די לשון פון די רמב"ם און די וועג ווי ער שטעלט עס אוועק.

#### השגת הראב"ד — טעם פון גמרא

זאגט די ראב"ד אז ס'איז דא נאך א ריזן, און ס'שטייט אין די גמרא בפירוש אז טלטול איז "לצורך הצעה", אז טלטול איז א גדר פאר הוצאה. זאגט די ראב"ד, אין די גמרא שטייט דאס, און די מגיד משנה און אלע מפרשים דא וויצן זיך אז די רמב"ם האט... די מגיד משנה איז, **"רבינו כתב כאן טעמים נכונים"**, די רמב"ם האט געשריבן דא זייער שיינע טעמים, **"מדעתו ולא נזכרו בגמרא"**. וויאזוי האט די רמב"ם געמאכט א גאנצע שיינע מעשה וועגן טלטול, און אין די גמרא שטייט נישט גארנישט? און די ראב"ד ברענגט שוין וואס ס'שטייט יא אין די גמרא.

#### תירוץ המגיד משנה — נחמיה'ס תקנה איז בטל

די מגיד משנה טענה'ט וואס דו האסט געוואלט זאגן, אז דאס וואס שטייט אין די גמרא וועגן טלטול, דאס איז נאר ווען נחמיה'ס איז געווען די אריגינעלע תקנה. אבער בעצם איז דאס שוין בטל, ווייל מ'האט שוין געטוישט. ממילא מוז מען זאגן אז די רמב"ם האט געגעבן א נייע טעם פאר טלטול, וואס האט מער מיט די ברייטערע איידיע פון שבת, "למען ינוח". די אלע טעמים וואס ער זאגט. און ס'איז זיכער אז ס'קומט ארויס פון דעם פסוק, ווייל דאס איז דער נושא פון דעם פרק, די צורכי חפציך, ודבר דבר וכו'.

סאו בעיסיקלי, איך מיין אז די אלע דריי טעמים זענען אזוי נוגע אויף אלעס וואס די חכמים האבן צוגעלייגט.

#### דיסקוסיע: פארוואס ברענגט דער רמב"ם טעמים?

### :Speaker 2

וואס הייסט די חכמים האבן צוגעלייגט?

### :Speaker 1

אויף די אלעס וואס פון ישעיה און ווייטער. יא, יא.

### :Speaker 2

יא. ס'איז אינטערעסאנט אז דער רמב"ם האט די איידיע אז מ'קען אמאל זאגן זיינע אייגענע טעמים. בכלל, פארוואס דארף ער זאגן טעמים? ער קען דאך פלעין זאגן אז די חכמים לאזן נישט.

### :Speaker 1

ס'האט צו טון מיט דעם אז דער רמב"ם וויל בעצם אז זיין ספר זאל זיין געבויט אויף די חומש, ער ברענגט אויף יעדע זאך די פסוק. דא טאקע האט ער נאר א פסוק פון נביא, אבער סאמהאו איט העלפס אלסאו. און ס'איז גריינדע אינטערעסאנט, ווייל דער רמב"ם איז נישט געוואוינט צו ברענגען א פסוק פון נביאים צו מאכן א מקור פאר אן איסור. אבער דא מאכט ער עס כאילו אז ישעיה הנביא האט שוין א קאמיוניקעישאן מיט די תורה. ישעיה הנביא קומט נאכדעם וואס ס'שטייט "למען ינוח" און די שבותים הנזכרים. דהיינו, ווען א נביא זאגט עפעס א נייע זאך וואס שטייט בכלל נישט אין די תורה, וואלט עס דער רמב"ם נישט געברענגט דא. אבער ישעיה רעדט דאך פון דא די איסור שבת, און ישעיה הנביא טראכט שוין אויף פון די "למען ינוח". כאילו דער רמב"ם לייגט אריין דא אז ישעיה איז דער חכם וואס טראכט פון די אלע זאכן.

### :Speaker 2

ישעיה איז פשוט איינער פון די מקורות. אינטערעסאנט.

---

### :Speaker 1

אקעי, עד כאן פרק כ"ד. מיר זענען אין פרק כ"ה.